NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 13506

DI FERTE KOYL FUN LI-SIN

Aleksandr Gervas'evich Lebedenko

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-13506-2

97806571350657.ps

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

א. לעבעדענקאָ

די [illegible] קויל

אוקרנאַצמינדפאַרלאַג

א. לעבעדענקאָ

די פערטע קויל פונ לי־סינ

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
אין פרעסע ארכיוו

PRIN : D in U. S. S. R.

מעלוכע־פארלאג פאר די נאציאָ־
נאלע מינדערהײַטנ אינ אוססר״ר

כארקאָװ - 1933 - קיִעװ

די ביבליאָגראַפישע פאַרצייכ־
נונג פונ דעם בוכ אונ די שיפערנ
פאַר ביבליאָטעק־קאַטאַלאָגנ זײַנענ
אָפּגעדרוקט אינ „ליטאָפּיס פונ
דרוק“ אונ אינ דעם „קאַרטאָטעק־
רעפּערטואַר“ פונ דער אוקראַיִנישער
ביכער־פּאַלאַטע.

איבערגעזעצט — כ. מאַלטינסקי

פאַראַנטוואָרט. רעד. — מ. לעכט

קאָרעקטאָר — כ. לײַבאָוויטש

טעכ. רעדאַקטאָר — כ. ליומקיס

הילף — א. פלעשטשינסקי

פאַפּיר 62×92 — 38 קג

אינ פאַפּיר־בויגנ 61.600 ט. צייכנס

אוקר. פעליגר. פאַרייניקונג

זשיטאָמיר, 24־טע דרוק, ק. מאַרקס גאַס, 10.

באַשט. № 6683 געדר. 3,000. 5 דר. בויגנ.

קיעווער גלאַווליט 8:4 (1251).

I

אסאכ, אסאכ פֿארלאנגענ האָט געהאט לי־סינ. טעג גאנצע, פֿונ אינדערפֿרי בֿיז אפֿדערנאכט, פֿלעג ער קלערנ וועגנ דעמ, ווי גוט וואָלט געווענ איצט, ווענ ער קריגט א גרויס קווערטל רײַז, ווי דעמ גראָבֿנ קרעמער טשו־דזיס קאָפּ די גרייס. אמאָל פֿלעג זיכ אימ פֿארגלוסטנ אויסצוטרינקענ כאָטש א קלײניצק קווערטעלע בֿיטערנ רײַז־בראָנפֿנ.

זײַנע אויגנ פֿלעגנ זיכ צעפֿלאקערנ, ווענ ער פֿלעג דערזענ אפֿ די מארק־טישלעכ די אָנגעוואָרפֿענע פֿרישע פֿרוכט.

לײגנדיק זיכ שלאָפֿנ, פֿלעג ער טרוימענ פֿונ די בֿיליקע באשערײַענ, וואָס דער פֿארקויפֿער סיו־טאָ פֿלעג פֿאנאנדער־טראָגנ.

אונ אויכ האָט זיכ אימ שוינ געוואָלט איבערבײַטנ זײַנ אײנ־ציק צעפֿליקט העמדל, וואָס איז אינגאנצנ געווענ אינ פֿעטע פֿלעקנ, אפֿ א נײַינקס, מיט ווײַסע, פֿלאכע, בֿלישטשענדיקע קנעפֿלעכ.

אזוינע העמדלעכ האָט לי־סינ געזענ אינ דער קראָמ, וואָס שטײט אפֿנ סאמע רעכטנ ווינקל פֿונעמ שטאָט־מארק.

אונ מאלע וואָס עס האָט זיכ נאָכ געגלוסט לי־סינענ.

נאָר מער פֿאר אלצ אפֿ דער וועלט האָט לי־סינ געוואָלט האָבֿנ א בֿיקס.

ווענ דער יעגער דאאָ־די פֿלעג זיכ אראָפּלאָזנ פֿונ די בֿערג אונ קומענ אינ שטאָט צו די רײַכע באלעבאָסטעס פֿארקויפֿנ זײַנ פֿאנג — א בֿינטל אונטערגעשאָסענע פֿייגל, פֿלייש פֿונ א ווילדנ באזער, אָדער די אויסגעדרײטע, פֿאנטאסטישע הערנער פֿונעמ

בּארג־שעפּס, — פלעג לי־סינ גלײַכ צוגײנ צום יעגער אונ פאָרזיכטיק, מיט פורכט צורירנ זיכ צום קאָלבנ פונ בּיקס.

ער פלעג שמײכלענדיק אונ שטארק צופרידנ גלעטנ מיט זײַנע לאנגע פינגער דעם שטאָלענעמ רער אונ מיט ליבּע ארומטאפּנ דעם האָלצ־געשטעל פונ בּיקס.

אונ ווענ ער פלעג אומגערנ צורירנ זיכ צום טונקעלנ הענטל פונ דער בּיקס־קליאמקע, פלעג אימ דאָס הארצ אינ בּרוסט א ציטער טונ, אונ ער פלעג טײקעפּ אָפּשפּרינגענ אָנ א זײַט, צעשטופּנדיק דאָס רעדל קוינימ, לײדיקגײער אונ ײנגלעכ.

עמעס, בּא דעם גראָבּנ שטאָט־שעפּ, ליאָ־ניאנ, איז פאראנ נאָכ א בּעסערע בּיקס. זי הענגט בּא אימ אינ א רײנעמ, געלנ ציכ בּישכײנעס מיטנ זײדנס קרומענ שווערד איבּערנ קוואנ[1], וואָס איז דורכויס אויסגעבּעט מיט ראָגעזשעס.

לי־סינ האָט ניט אײנמאָל געזענ אָט די בּיקס, ווענ ער פלעג בּרענגענ פאר ליאָ־ניאנס ווײַבּ די פעסלעכ אײַנגעזײַערטע גרינס אונ קערבּ פרוכטנ.

בּא דעם רײַזנדנ אײראָפּײער, וואָס איז פאראיאָרנ דורכגעפאָרנ דורכ זײער שטאָט, איז אויכ געווענ אזא בּלישטשענדיקע נײַע בּיקס, קאָנ זײַנ נאָכ אפילע א בּעסערע, ווי ליאָ־ניאנס.

נאָר וועגנ אָט די יאָנטעוודיקע, אויסגעפּוצטע, פינקלדיקע בּיקסנ האָט לי־סינ אפילע ניט געוואָלט טרוימענ. די אײנ־אונ־אײנציקע בּיקס, וואָס ער האָט געקענט אָנרירנ מיט זײַנע הענט, איז געווענ דעם יעגער דאָ־דיס. לי־סינ האָט געוווסט, אז אָט די בּיקס פּיקט ווײַט אונ ריכטיק. ער געדענקט גוט דאָס קלײנינקע לעכעלע אינעמ קאָפּ פונעם גרויסנ ווילדנ כאזער, וואָס דער יעגער האָט געבּראכט צו טראָגנ פאָריקנ הארבּסט.

אונ אז דער יעגער דאָ־די פלעג אוועקגײנ אינ די בּערג, פלעג אימ לי־סינ שטענדיק בּאגלײטנ בּיז די שטאָטישע טויערנ אונ לאנג קוקנ אפּנ לאנגזאמ־שפּאנענדיקנ מענטשנ מיט דער בּיקס הינטער די אקסלענ.

---

1) קוואנ — א לעזשאנקע אינ די כינעזישע הײַזער, וואָס גײט פארבּײַ די ווענט אונ אונטער איר איז דורכגעפירט דער רויכצוג פונעם אויוונ.

II

דאָ־די איז א פרײַער יעגער.

און לי־סינ איז א טרעגער, א קולי.

מיטנ טאָג־ליכט פלעג זיך דער 17־יאָריקער לי־סינ זעצנ אפ די שטיינער פונעם ברודיקנ מארק־פלאצ און זיצנ דאָרטנ אונ־טער די בראָטנדיקע שטראַלנ פונ דער זומערדיקער זונ און אונ־טער די ווינטערדיקע גוס־רעגנס.

ער פלעג זיצנ און ווארטנ אפ א גראָבנ רופ, אָדער פאָשעט א שטופ פונ א פוס, וואָס פלעג באטײַטנ:

„מע דארפ גײנ ארבעטנ".

אינ די פרײַע שאָענ פלעג לי־סינ קוקנ אפנ פילפארביקנ האמוינ, וואָס רוקט זיך אינ דורכויסיקע שטראָמענ איבער די שמאָלע און פינצטערע דורכגאנגענ פונ געדעקטנ מארק.

בא די טויערנ פונעם מארק פלעגנ זיך אומדרײענ פרײלעכע לאָטאָשניקעס מיט אסאך בונטע פאפירענע קאָלפעקעס און מיט קופעס פרוכטנ גרינס און וואָלוועלע נאשערײַענ.

פליגנ האָבנ געזשומעט און ארומגעפויזעט אפ די פארשטויב־טע, שווארצ געוואָרענע זיסע זאכנ, אפנ מעל, מאָנ און האָניק און אפ דעמ שמוציקנ, קלעפיקנ ברעטל.

ארויסגײענדיק פונ די שמאָלע מארק־דורכגאנגענ, פלעגנ די קוינימ ארומווישנ זײערע פארשוויצטע פענעמער מיט גרויסע זײַדענע טיכלעך און צעעפענענ די פאפירענע, אויסגעצאצקעטע ווײערס.

די שמאָלאקסלדיקע דזשענעריקשעס[1] פלעגנ איבערלאָזנ בא דער וואנט זײערע גרינגע, געלע וועגעלעך, פלעגנ זיך לאָזנ לויפנ אנטקעגנ האמוינ און האָבנ אקשאָנעסדיק אָנגעבאָטנ זײער מי.

דאָ אפנ פלאצ האָבנ געשפילט הוילע קינדער מיט טשוביק־לעך אפ די אָפגעשאָרענע רונדע קעפ, און איבער זײ האָט א ווינט געריסנ די גלאנצנדיקע, ווײַסע, שמאָלע שילדנ מיט די

---

1) דזשענעריקשע — א מענטש, וואָס פירט א „ריקשע" — א גרינג באמבוקנ וועגעלע אפ אײנ פאסאזשיר. דער דזשענעריקשע פירט דאָס וועגעלע אנשטאָט א פערד.

שווארצע און רויטע אופשריפטן, ענלעכע אפ אויסגעמאָלטע שפּינעו.

פון יענעם מאָמענט אָן, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די שווע־רע, אויסמאַטערנדיקע ארבעט, האָט לי־סין גאָרנישט געזען וואָס ס'טוט זיך ארום אים.

א געזאַלצענער שווייס האָט געגאָסן פון זײַן שטערן, אראָפּ־גערונען אפן האלדז־און־נאַקן און געבריט אים די אויגן.

א כאַלאָשעס באַפאַלט אים, עס ציטערן בא אים די קני, נאָר ער שלעפּט געדולדיק אפ זײַנע פּלייצעס א שווערן קאַסטן, אָדער ער פירט איבערן שטויביקן וועג א פולע, שווערע טאַטשקע מיט האָלץ, קוילן, אָדער גאָר מיט קוואַטשיקער ליים.

אין אָט די שאָען פון אקשאָנעסדיקער מי האָט לי־סין מע־קאַנע געוועזן דעם פרײַען יעגער דאַאָ־די.

דאָס לעבן פונעם יעגער האָט זיך אים געדוכט איז אנגענעם און גרינג.

ער פלעג וועגן דעם זאָגן דאַאָ־די, און יענער פלעג לאַכן:

— יאָ, פריער איז געיעג דאָ געווען א גוטע זאַך, נאָר איצט איז קיין געווילד ניט פאַראַן אין גו־אַנ־סי. א גאַנצן כוידעש קאָן מען ארומשפּרינגען איבער די באַרג־שיפּוים און ניט אָנ־שטויסן זיך אפ קיין ציג, אפ קיין ווילדן כאַזער — מיט א פּוסטן מאָגן איז שווער ארומצופּויזען איבער די באַרג־שטעגלעך און דורכקלײַבן זיך צווישן די שטעכיקע ווילדע קוסטאַרניקעס.

לי־סין פלעג זיך צו אים צוהערן און קלערן בעיסמעסע, אז מיט א הונגעריקן מאָגן שלעפּן קאַסטנס און קערבּ איז אָבער נאָך שווערער.

III

איינמאָל איז לי־סין ניט געקומען אפן מאַרק־פּלאַץ מיטן טאָג־ליכט.

אנדערע טרעגער זײַנען שוין לאַנג געזעסן אפ די אָנגעגלייטע שטיינער לעבן דער מאַרק־געבײַדע; שוין לאַנג האָט זיך לענגויס דער וואַנט געהאַט אויסגעשטעלט א לאַנגע ריי מיט וועגעלעך.

נאָר לי־סינ איז נאָכ ניט געווענ געקומענ.

גאָ טשושי — א דארער, הויכער קולי, מיט וועלכנ לי־סינ פלעג אָפט ארבעטנ צוזאַמענ, האָט א זאָג געטאָנ צו זײַנע פרײַנט:

— צי דענ איז לי־סינ געשטאָרבנ?

— יעדער טרעגער דארפ עסנ ווארמעס, אונ אָנ ארבעט וועסטו ניט אָפּעסנ.

לי־סינ איז ניט ארויס צו דער ארבעט, איז ער מיסטאמ פאר־שלאפט געוואָרנ אָדער געשטאָרבנ.

אזוי האָבנ אפנ מארק גערעדט די טרעגער. נאָר לי־סינ איז ניט געשטאָרבנ אונ ניט פארשלאפט געוואָרנ — ער איז אוועק אינ די בערג מיט דאָ־די.

א גאנצנ טאָג זײַנענ זיי צוזאמענ געגאנגענ אפ מײַרעוו, ביז די ווענט פונ שטאָט זײַנענ ניט פארשווונדנ אונטער דעמ נאָענטסטנ בארג־רוקנ.

זיי האָבנ אריבערגעבראָדיעט טײַכלעכ אונ בארג־קוואלנ אונ מיט לאנגע באמבוקענע שטעקנס אָפגעטריבנ פונ זיכ די דאָרפישע הינט.

שפעט איבאָוונט האָבנ זיי אָנגעקלאפט אינ אנ אָרעמער הײַז־קע, וואָס באמ ברעג פונ דעמ בארגיקנ דערפל. דאָס קליינע שטיבל איז געווענ באדעקט מיט טשערעט אונ צונויפגעשטעלט פונ ערד־ציגל.

די טיר האָט זיכ געשאָקלט אפ א לעדערנער זאַוויסע אונ אפנ קוואנ זײַנענ אפילע ניט געווענ קיינ קישנס, קיינ שמאטעס.

לי־סינ אונ דאָ־די האָבנ זיכ געלייגט אפנ ערדענעמ דיל, אונ אפנ קוואנ האָט זיכ געלייגט אָנ וועטשערע די הונגעריקע גרויסע מישפּאָכע פונ דעמ באלעבאָס.

אינדערפרי האָט דאָ־די געזאָגט צומ באלעבאָס פונ דער הײַזקע:

— אינ פינפ טעג ארומ ברענג איכ דיר געווילד.

נאָר דער באלעבאָס האָט פינצטער א קוק געטאָנ אפ אימ אונ געענטפערט:

— אינ פינפ טעג ארומ וועסטו מיכ שוינ דאָ ניט געפינענ. דאָס שטיבל מײַנס איז שוינ פארקויפט פאר די כויוועס. דער

באלעבאָס, בא וועמענ כ'האָב ארענדירט די ערד, האָט מיכ ארויסגעטריבנ. מאָרגנ גײענ מיר אינ שטאָט. די זינ וועלנ ארבעטנ אונ די טעכטער פארקויפ איכ.

שווײַגנדיק זײַנענ די יעגער ארויסגעגאנגענ, אונ דעם גאנצנ וועג האָט דאָ־די קײנ וואָרט ניט ארויסגערעדט.

לײ־סינ האָט בא אים גאָרנישט געפרעגט. ער האָט גוט געוווּסט, אז דעם אָרעמענ ארענדאר, וואָס האָט ניט קײנ ערד לעבט זיכ ניט אזוי פריגלדיק.

דער באלעבאָס קאָנ אים אלע ווײַלע ארויסטרײַבנ, אונ ווו קאָנ מענ זיכ אהינטאָנ מיט אזא גרויסער מישפּאָכע. די שטאָט האָט אירע אײגענע הונגעריקע...

איצט האָבנ זײ שוינ אפ זײער וועג מער קײנ דערפער ניט באגעגנט. אַנוואלדיקע פעלדזנ האָבנ זיכ געהויכט אײנער נאָכנ צווײטנ אונ אפנ האָריזאָנט האָט זיכ אופגעהויבנ דער הויכער בארג־רוקנ.

אינ די טיפע בארג־שפּאלטנ האָבנ קוואלנ גערוישט.

די קרומע כינעזישע סאָסנעס האָבנ זיכ געקאראבקעט אפ די קאנטנ פונ די בערג. קײנ אײַנוווינער זײַנענ דאָ ניט געווענ, די ערטער זײַנענ געווענ ניט צוטריטלעכ.

אינ מעשעכ פונעם גאנצנ וועג איז דאָ־דינ ניט ארויסגעקרמענ ארומצונעמענ די ביקס פונ דער פלײצע—קײנ געווילד האָט זיכ אינ אָט די ערטער ניט געפונענ.

אפנ ברעג פונעם בארג־שטראָם האָט זיכ דאָ־די אָפּגעשטעלט אונ א זאָג געטאָנ צו לײ־סינענ:

— ווײַטער טאָר מענ ניט. דאָרט איז שוינ א פרעמדע ערד. אפנ ברעג שטײענ סאָלדאטנ—זײ וועלנ שיסנ.

אונ לײ־סינ האָט טאקע אפדערעמעסנ אפנ צווײטנ ברעג פונעם ניט ברײטנ בארג־טײַכ דערזענ א קלײנינקנ סאָלדאט אינ א שפּיציק אנאמיטנ[1]־קאָלפעק, מיט א גרויסער ביקס אינ דער האנט.

---

1) אנאמיטנ—א פאָלק אינ אינדאָקיטײַ, וואָס געפינט זיכ אונטער דער הערשאפט פונ פראנקרײַכ.

די יעגער האָבנ זיכ אומגעקערט אינ שטאָט מיט ליידיקע הענט.
ליי־סינענ האָבנ אַלע אײוורים ווי געטאָנ און געבראָכנ פאר מידקײַט.

קענטיק, אז אויכ דעם יעגער לעבט זיכ ניט גוט. דאָ־די איז גערעכט געווענ.

צוריקוועגס האָט דער יעגער דערציילט ליי־סינענ, אז פונ אָט דאָרט—איבערנ טײַכ, ווו עס שפאנענ איצט ארומ די פראנצויזישע סאָלדאטנ, ציִענ זיכ אוועק טיפע, געדיכטע אורוועלדער, פול מיט כײַעס אונ געווילד. נאָר דאָס איז א פרעמדע ערד אונ די סאָלדאטנ שיסנ יעדערנ, וואָס פרוווט זיכ אריבערגייִנ דעם גרענעצ־טײַכ.

IV

ליי־סינ האָט געוווינט אינעמ סאמע־אָרעמסטנ קווארטאל פונ שטאָט.

דאָ איבער די גאסנ פלעגנ ניט פארבײַלויפנ קלינגענדיק מיט די גלעקלעכ קיינ דזשענעריקשעס.

שמאָלע ליקלעכ, ניט ברייטער פונ צוויי מעטער, קויטיק, מיט א שווערנ רייעכ פונ ניט־פרישע שפײַזנ אונ אָפגעטראָגענע קליידער, האָבנ געפירט אינ דער טיפ פונ קווארטאל.

ליי־סינ האָט געוווינט אינ א הילצערנ שטיבל, וואָס בא דער סאמע וואנט פונ דער שטאָט.

די וואנט האָט זיכ געהויבנ אזוי הויכ, אז די זונ האָט קיינמאָל ניט געקענט ארײַנקוקנ אינ די צעבראָכענע שויבנ, פארקלעפטע מיט קויטיקע, פעטע פאפירלעכ.

אינ אָט דער ברודיקער דירע זײַנענ אײַנגעשטאנענ אסאכ מענטשנ. מער פאר אַלעמענ זײַנענ דאָרט געווענ די ריקשעס אונ קוליס. זיי פלעגנ דאָרט מער ניט ווי נעכטיקנ.

יעדערער האָט זיכ געהאט זײַנ אָרט אפ די נארעס פונ גראָבע ברעטער. די נארעכ זײַנענ צעשטעלט געווענ לענגויס אַלע פיר ווענט. בלויז אינמיטנ פונעמ פינצטערנ כיידער איז געווענ א גרויס פרײַ אָרט. אונ אָט דאָ, אפנ ערדענעמ דיל, נעענטער צומ ארויסגאנג, איז געשטאנענ אנ אײַזערנע הרובקע.

ניט קײן סיש, ניט קײן בענקלעך זײַנען אין שטוב ניט געזוען. מ׳האָט געגעסן, זיצנדיק אפ די שפּיץ פינגער באַם שוועל פון שטוב. אין די הײסע טעג פלעגן די אײַנוווינער פאַרברענגען אפ דער גאס.

די מענער אפ דער אַרבעט, אָדער אין זוכעניש נאָך אַרבעט און די פרויען דאָ גופע, באַ דער שטאָט־וואַנט, נײען און קאָכן געקעכצן, אַמפּערן זיך, שילטן, אָדער זוכן באַ די קינדער אין די קעפּלעך און באַ זיך אין די קלײדער.

אין די ווינטערדיקע כאַדאָשים, ווען פון די בערג האָט געיאָגט אַ קאַלטער ווינט, אָדער ס׳פלעג גיסן אַן אומופהערלעכער רעגן, האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן אפ די נאַרעס. אין דער פינצטער האָט געוויכערט אַ קעראָסין־לעמפּל און אין דער הרובקע האָבן געגלייט די לעצטע קוילן.

די מענער האָבן געשפּילט אין שטײנדלעך, אין בײנדלעך, און די פרויען האָבן געוויגט די קינדער און געלאַטעט די טראַנטעס.

באַטאָג פלעגן זיך די פרויען, ווי געוויינלעך, קריגן פאַר אַן אָרט באַ דער הרובע, און אין די אָוונטן פלעגן גאַנצע אָפּט פאָרקומען קריגערײַען צווישן די מענער מיט די פרויען.

יעדערער פון די אײַנוווינער פלעג זיך סטאַרען צו באַהאַלטן פון די שכײנים עפּעס אַ גוט פאַרדינסטל. נאָר דעם הונגער און נויט האָט מען ניט באַדאַרפט באַהאַלטן.

סאַמע אינדערפרי, נאָך מיטן טאָג־ליכט, פלעגן זיך די מענער ציִען אין שטאָט צום מאַרק אָדער צו אַן אָרט פון צופעליקער אַרבעט. מיטן זון־פאַרגאַנג האָבן זײ זיך אומגעקערט צוריק און האָבן זיך געלײגט שלאָפן. די קינדער זײַנען אַ גאַנצן טאָג אַרומגעלאָפן איבער די ליקלעך, קײנער האָט אפ זײ ניט אַכטונג געגעבן.

אַסאַך פרויען פלעגן אויך גײן זוכן עפּעס אַ צופעליקע אַרבעט.

אַסאַך שכײנים פלעגן אָפּט פאַרלאָזן דאָס הויז און אַוועקגײן חוץ די אויגן טראָגן, און אַנדערע פלעגן אָנקומען פון ערגעץ־ווּ, פון צאָפן־זײַט, פון מײַרעוו־זײַט, צעפליקטע, אָפּגעריסענע, מיט קלומעקלעך אפ די אַקסלען.

אין שטוב פלעגן זיך אָפט באַפּרײַען ערטער אַף די נאַרעס. עס פלעגן שטאַרבן סײַ אַלטע, סײַ יונגע. דעמאָלט פלעגן די ריקשעס און די קוליס באַגראָבן זײערע כאַווײרים פּײַערלעך מיט צערעמאָניעס, ווי אַ גרויסן גוויר.

אַף דער לעווײַע פלעג מען נאָכטראָגן קאָלירטע לאַמטערנדלעך און פאַרשײדענע שטובזאַכן: מעבל, געשיר, בײַקאַלע אינסטרומענטן, נאָר די אַלע זאַכן זײַנען געווען ניט קײן עמעסע, נאָר פּאַפּירענע. דער פאַרשטאָרבענער האָט קײנמאָל אַזאַ גוטס ניט פאַרמאָגט. די שכײנים און קרויווים האָבן געוואָלט צוליב טוב דעם פאַרשטאָרבענעם מיט אָט דעם יאָמערדיקן צערעמאָניאַל, צוליב טוב פאַר אַלע זײַנע הונגעריקע טעג און מאַטערנישן, וואָס ער האָט אַזויפיל געהאַט אין זײַן לעבן.

לי־סין איז געווען ניט רײַכער און ניט אָרעמער פון זײַנע כאַווײרים, נאָר ער איז געווען יונג און געזונט, כאָטש ער האָט געלעבט אין הונגער און אין נויט.

ער פלעג זײַן גליקלעך, ווי אַ קינד, ווען ער פלעג ניט שווערער מי זיך פאַרדינען אַף אַ גרויס קוועטשל רײַז.

V

לי־סין האָט גוט געוווּסט: איז דאָ אַרבעט, וועט זײַן יאָך צו עסן.

נאָר אַרבעט איז ניט קײן געווילד, וועסט זי ניט אײַנכאַפּן מיט דער בעסטער ביקס, וועסט זיך ניט נעמען יאָגן נאָך איר איבער די פעלדזן און באַרג־שטעגלעך, נאָר לאַנגע שאָען פלעג מען דאַרפן וואַרטן אַף איר, זיצנדיק אַף די שטײנער אין מאַרק.

לי־סין האָט קײנמאָל ניט געוווּסט, צי ער וועט מאָרגן יאָ האָבן אַרבעט, צי ניט. אײנס האָט ער נאָר באַמערקט:

ווען הינטער די הויכע שטאָטישע ווענט פלעגן גײן געשלעגן און אין שטאָט פלעגן אַרײַנקומען נײַע סאָלדאַטן אין אין דער גרויסער שטוב פלעג זיך באַזעצן אַ נײַער שעף, פלעגן אַרבעט ווערן ווײניקער, דער מאַרק־פּלאַץ פלעגן פּוסטעווען.

די ריקשעס און קוליס פלעגנ שאָענווײַז אָפשטיינ פארגליוערטע. ס'זײַנענ ניט געווענ ניט קיינ פאסאזשירנ, ניט קיינ פעקלעכ.

שוינ לאנג האָט אינ שטאָט געבאַלעבאַטעוועט דער גראָבער פאָלקאָווניק ליאָ־ניאנ, וואָס האָט שטארק ליב געהאַט אײַנצואָרדענענ מיליטערישע פאראדנ.

פאר אָט דעם פאָלקאָווניקס ווײַב פלעג לי־סינ שטענדיק טראָגנ שווערע פעק מיט פארשיידענע שפּײַזנ.

שוינ לאנג זײַנענ הינטערנ שטאָט קיינ געשלעגנ ניט געגאנגענ, נאָר קיינ ארבעט איז דאָכ ניט געווענ.

די גראָבע באאמטע האָבנ זעלטנ זיכ געזעצט אינ געלנ באמבוקעוונ וועגעלע. צעפּאַליעטע פונ דער היצ, האָבנ זיי זיכ געשלעפּט צופוס איבער די גליִענדיקע גאסנ פונ דער שטאָט.

די כינעזישע יִנגלעכ, וואָס פלעגנ זיי באַדינענ, האָבנ אָנגעהויבנ זעלטענער צו טראָגנ פרוכטנ און גרינס. לי־סינ האָט ערגעצ געהערט, אז די באאמטע צאָלט מענ שוינ לאנג קיינ געלט ניט ארויס.

פּלוצים האָט זיכ פארמאכט דעם כאלפנס קראָם.

גאָ־טשזשי האָט דערציילט לי־סינענ, אז דער כאלפנ האָט פארלאָרנ זײַנ גאנצ פארמעגנ — עפּעס רויבער זײַנענ אים באַפאלנ, ווענ ער איז געפאָרנ צוריק פונ קאנטאָנ, און אוועקגענומענ בא אים דאָס געלט.

עס האָט זיכ אויכ פארמאכט די קראָם פונעם סויכער, וואָס האנדלט מיט זילבערנע און בראָנדזענע זאכנ. ס'איז בא אים געוואָרנ אויס קוינים, איז ער אוועקגעפאָרנ קיינ קאנטאָנ.

איינמאָל זײַנענ לי־סינס שכיינים, וואָס שלאָפנ אפ דער אנטקעגנדיקער נארע, געקומענ פארנאכט שיקערע, און צו פארטאָג זײַנענ זיי פארשווּנדנ געוואָרנ. א גאנצע נאכט האָבנ זיי געשריִענ און זיכ געזידלט. לי־סינ האָט פארשטאנענ, אז זיי האָבנ פארטרונקענ זייער לעצט געלט, וואָס זיי האָבנ פארדינט אפנ גלאָז־זאוואָד.

זייער זאוואָד האָט זיכ פארמאכט און אלע ארבעטער זײַנענ געבליבנ אפ דער גאס.

אלץ אָפטער איז לי־סינען אויסגעקומען צו זיצן אפ די שטיינער פונעם מארק־פלאץ — ס'האָט אים קיינער ניט גערופן, ס'האָט אים קיינער ניט געשטורכעט מיט דער פוס — קיין ארבעט איז ניט געווען.

שיטערער איז געוואָרן דער האמוין אפן מארק. אסאך קראָמען האָבן זיך פארמאכט. קרעמער האָבן גערעדט צווישן זיך, אז קיין קאנטאָן און קיין מאקאאָ[1]) קאָן מען שוין ניט פאָרן מער נאָך סכוירע, ווייל אפ אלע וועגן שליאנדרעווען ארום באנדיטן און נעמען צו די סכוירעס, דאָס געלט און דאָס לעבן.

לי־סין האָט אפ זיין לעבן קיינמאָל קיין באנדיטן ניט געזען, כאָטש ער איז מיט אסאך טייערע, שווערע פעק סכוירעס ארומגעגאנגען אלע וועגן ארום דער שטאָט.

נאָר וואָס קען נעמען א באנדיט בא אן אָרעמאן א קולי?

נאָר איינמאָל האָט לי־סין געזען אפ א בילד א מענטשן מיט אויסגעשטארצעטע אויגן און מיט א לאנגן צאָפ אפן אקסל און אין האנט האָט ער געהאלטן א קרומען מעסער[2]).

לי־סין האָט געמיינט, אז די באנדיטן זיינען ענלעך אפ אָט דעם צעווילדעוועטן, צעיושעטן כינעזער מיט די לאנגע וואָנצן.

איינמאָל האָט אלע איינוווינער פון שטיבל אופגעוועקט א קלאפעריי פון ביקסן אין טיר, א בלענדנדיקע שיין האָט זיך אריינגעריסן אין צימער. אלע פרויען, מענער און קינדער האָבן זיך אופגעכאפט.

לי־סין האָט קאם געעפנט די אויגן און האָט דערזען, ווי אינמיטן צימער זיינען געשטאנען עטלעכע סאָלדאטן מיט ביקסן.

אן אָפיצער האָט געהאלטן אין די הענט אן עלעקטרישן לאמטערן, און א גלייכער שטראל איז געלאָפן איבער די נארעס און די ווייטע ווינקלען פון צימער. אומעטום, ווו

---

1) מאקאָ — א האנדלס־פּאָרט לעבן קאנטאָן; געהערט צו פּאָרטוגאליע.

2) אזוי פלעג מען אמאָל אינעם אלטן כינע מאָלן קריגסלייט און העלדן.

ס'האָט געטראָפנ דער ווײַסער סנאָפּ שטראלנ, האָט לי־סינ דערזענ צעשראָקענע אויגנ, שלעפעריקע פּענעמער אונ קאָלטענעוואטע קעפּ.

דער אָפיצער האָט, ווײַזט אויס, געוווּסט וועמענ ער זוכט. ער האָט זיכ אליינ געלאָזט גיינ צום ווײַטסטנ ווינקל, ווו אונטער דעם באלקנ אפּ דער נארע זײַנענ געלעגנ צוויי ארבעטער.

זיי האָבנ געארבעט אפּ א פאבריק, ווו מע האָט געמאכט קאָלירטע לאמטערנדלעכ, אויסגעצאצקעטע ווײערס אונ אנדערע פּאפּירענע זאכנ.

— שטיי אופ! — האָט א געשריי געטאָנ דער אָפיצער. די ארבעטער האָבנ איינער נאָכנ צווייטנ אראָפּגעלאָזט די פיס פונ דער נארע.

דער אָפיצער האָט א שניט געטאָנ איינעמ מיט א נאהײַקע איבער די פיס אונ זיכ צעשריענ:

— נו, ריר זיכ!

אונ נאָכדעמ זיכ אויסגעדרייט צו די סאָלדאטנ אונ באפוילנ:

— נעמט זיי!

די סאָלדאטנ האָבנ גלײַכ געבונדנ די ארבעטער די הענט אונ ארויסגעשטופּט זיי אפּנ גאס.

איינ סאָלדאט האָט זיכ פארהאלטנ אינ צימער. אנ אלטע פרוי, וואָס איז געשלאָפנ סאמע באמ ארויסגאנג, האָט א פרעג געטאָנ בא אימ, פארוואָס האָט מענ עס ארעסטירט אָט די צוויי ארעמעלײַט. דער סאָלדאט האָט א קוק געטאָנ אפּ דער טיר, הינטער וועלכער ס'איז פארשוווּנדנ דער אָפיצער, אונ האָט געזאָגט:

— זיי זײַנענ איינ האנט מיט די באנדיטנ, זיי זײַנענ קאָמוניסטנ!

— אונ וואָס וועט מענ זיי טונ? — האָט געפרעגט איינער פונ א ווײַטנ ווינקל.

דער סאָלדאט האָט א פיר געטאָנ מיטנ פינגער זיכ איבערנ האלדז, אונ דאָס האָט באטײַט: מ'וועט זיי אראָפּהאקנ די קעפּ

לי־סין האָט שוין מער ניט געקענט שלאָפֿן. מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן האָט ער געקוקט אין דער פֿינצטער און גע־קלערט וועגן דעם צעווילדעוועטן באַנדיט מיטן קרומען מע־סער אין דער האַנט.

אין צימער איז געווען שטאַרק פֿינצטער. בישכיינעס האָבן געקרעכצט און געסאָפּעט די אָרעמעלייט.

לי־סין האָט גאָרניש פֿאַרשטאַנען.

אינדערפֿרי האָט ער א פֿרעג געטאָן זײַן פֿרײַנט גאָ־דזשי:

— דו האָסט ווען ניט איז געזען באַנדיטן?

האָט אים גאָ־דזשי געענטפֿערט:

— אז דו וועסט ניט האָבן וואָס צו עסן, וועסטו אויך ווערן א באַנדיט.

לי־סין האָט אָפּ אים אויסגעגלאָצט די אויגן. ער האָט זיך ניט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז ער איז מיט א לאַנגן צאָפּ און מיט א קרומען מעסער אין דער האַנט. נאָר עפּעס האָט אים א בליץ געטאָן א געדאַנק אין קאָפּ, אַז גאָ־דזשי ווייסט עפּעס אַזוינס, וואָס אים, לי־סינען, איז דאָס ניט באַוווּסט.

VI

דער מאַרק איז היינט ניט ענלעך געווען אָפּ קיין מאַרק. ס׳האָבן אַרומגעשמייעט מענטשן, זייער אַסאַך מענטשן. נאָר די קלייטן זײַנען געווען פֿאַרמאַכט און פֿון אַלע פֿענצטער זײַנען פֿאַרשוווּנדן געוואָרן די שליאַפּעס, זאָנטיקעס, די בראָנ־דזענע בודעס, די ביינערנע כפּייצים, די פֿאָכערס און די שטיק־לעך שטאָף.

לי־סין האָט געוווּסט, אַז בא כינעזישע קרעמער איז רעכט צו וואַרטן אָפּ א קוינע ביז שפּעט אין דער נאַכט, ווען אַלע שלאָפֿן שוין און נאָר צופֿעליקע פֿאַרבײַגייער אײַלן זיך איבער די פֿינצטערע גאַסן. און אויב מ׳האָט היינט פֿאַרמאַכט די קראָ־מען נאָך באַטאָג, איז עפּעס ניט גלאַטיק.

אַלנפֿאַלס, קיין אַרבעט און קיין וואַרמעס וועט ער שוין היינט ניט האָבן. ער האָט זיך שוין געזעצט אָפּ די שטיינער און געוואָלט כאַפּן א דרימל, האָט אים פּלוצים א גראָבער כיי־

נעזער מיט שוואַרצע וואָנצנ, ווי בא א טאַראַקאַנ, א שטורכע געטאָנ אינ זײַט מיט זײַנ טופלע אונ א זאָג געטאָנ:

— לעבעדיקער! כיהאָב ארבעט.

לי־טינ איז טייקעפ אופגעשפרונגענ אונ אוועקגעלאָפנ נאָכ אים.

ער האָט דערקענט דעם גראָבנ כינעזער — דאָס איז געווענ דער באַלעבאָס פונ דער יוועליר־קראָם. זײַנ קראָם איז שוינ געווענ פארשפארט. נאָר דער קרעמער האָט ארויסגעקראָגנ דעם שליסל פונ קעשענע, אָפּגעשלאָסנ דעם שווערנ שלאָס אינ ארײַנגעלאָזט לי־סינענ מיט נאָכ אײנעם א קולי אינ דער פינצ־טערער קראָם. ער האָט ארויסגעשלעפּט פונ אונטערנ טיש צוויי

גרויסע באמבוקענע קערב מיט הענטלעכ און אפגיכ, אפגיכ אָנגעוואָרפנ אהינ ביז פול זילבערנע כפייצים און באפוילנ ביידע קוליס צו טראָגנ עס נאָכ זיכ.

קאָרטשענדיק זיכ אונטערנ שווערנ קאָרב, איז לי־סינ נאָכגעלאָפנ ביז דעם צווייטנ עק שטאָט. אפ איינער פונ די גאסנ האָבנ סאָלדאטנ אימ שיר ניט אומגעוואלגערט. נאָכ די סאָלדאטנ זיינענ נאָכגעלאָפנ א מענגע יינגלעכ.

דער סויכער האָט זיי ארייַנגעפירט אינ א טיפנ קעלער און דאָרט האָבנ זיי אראָפגעלאָזט די קערב. דער סויכער האָט זיי שוינ אליינ צוגעדעקט מיט ראָגעזשעס, מיט אסאכ ראָגעזשעס.

נאָכדעמ זיינענ זיי אַוועק ווידער געלאָפנ צומ קראָמ־צו. אינ יענעמ טאָג איז לי־סינ אסאכ מאָל געגאנגענ פונעמ מארק צומ באלעבאָס אינ קווארטיר און צוריק. דעמ גאנצנ האָב און גוטס זיינעמ, וואָס איז געווענ אינ קראָמ, האָבנ זיי אריבערגעטראָגנ אינ קעלער אריינ.

די קערב זיינענ געווענ שווערע און ניט קיינ באקוועמע. די באמבוקענע ריטער האָבנ געשניטנ אינ די פלייצעס, נאָר לי־סינ האָט זיכ געטרייסט, אז דער קרעמער וועט זיי גוט באצאָלנ. פאר אָט דער שווערער האָרעוואניע וועט ער עפשער הייַנט קויפנ זיכ א גרויס קווערטל רייַז.

נאָר ווענ די לעצטע קערב זיינענ שוינ געווענ אינ קעלער אוועקגעשלעפט, האָט זיי דער באלעבאָס א שמיצ געטאָנ עטלעכע זילבערנע מאטבייעס און פארהאקט די טיר.

לי־סינ האָט זעלטנ ווענ אָנגעקוקט א זילבערנע מאטבייע. פאר זייַנ מי פלעג ער שטענדיק באקומענ עטלעכע קופערנע מאטבייעס.

דער קולי איז אָפט צופרידנ פונעמ סאמע נישטיקנ לוינ. אז ארבעט איז אינ שטאָט ווינציק און הענט אסאכ. דער קרעמער אָדער באאמטער דארפ נאָר איינ ווונק טונ — און אפ לי־סינס אָרט וועלנ זיכ צונויפלייַפנ א צענדליק אנדערע קוליס.

נאָר גראָד אָט דאָס מאָל האָט לי־סינענ אָט די פאָר קליינע זילבערנע מאטבייעס ניט צופרידנגעשטעלט. פאר אזא ארבעט האָט מענ אימ באדארפט מערער באצאָלנ.

לי־סין און זײַנע כאַווער האָבן גענומען קלאַפּן אין טיר פֿון דעם קרעמערס שטוב, געפֿאָדערט ער זאָל עפּעס דערלייגן, נאָר קיינער האָט קיין אכט ניט געלייגט אַף זייערע געשרייען, און ווען לי־סין האָט מיט אַלע קוויכעס גענומען טאַראַבאַנען אין טיר, האָט זיך פּלוצים די טיר געעפֿנט:

— אַרויס פֿון דאַנען, שלעפּער! — האָט זיך צעשריִען דער קרעמער און דערלאַנגט מיט אַ שווערן שטעקן לי־סינען איבערן קאָפּ.

די טיר האָט זיך ווידער פֿאַרמאַכט, און די קוליס האָבן זיך אַוועקגעלאָזט צוריק צום מאַרק־צו.

אַנטקעגן לי־סינען איז אָנגעקומען דער פֿרײַער יעגער דאַאָ־די. אַפּן אַקסל איז בײַ אים געהאַנגען זײַן לאַנגע ביקס.

קיינמאָל האָט זיך לי־סינען אַזוי ניט געוואָלט צו האַלטן אַ ביקס, ווי איצט.

ער וואָלט אים איצט, אָט דעם פֿעטן, דיקן סויכער מיטן קאָלבן אַ טשמעליע געטאָן איבערן גראָבן קאָפּ זײַנעם. ער וואָלט אים אונטערגעשאָסן, ווי אַ באַרג־כאַזער.

— וואָס האָט פּאַסירט אין שטאָט, דאַאָ־די? — האָט אַ פֿרעג געטאָן לי־סין.

— דאָס איז טאַקע די צאָרע, וואָס ס'האָט גאָרניט געטראָפֿן, — טוט אַ זאָג דאַאָ־די. — די „גרויסע מעסערס" האָבן געוואָלט פֿאַרנעמען די שטאָט, נאָר דאָס מיליטער האָט זיי פֿאַרטריבן.

— ווער זײַנען די „גרויסע מעסערס", זיי זײַנען באַנדיטן? — האָט אַ פֿרעג געטאָן לי־סין.

— ניין, דאָס זײַנען הונגעריקע פּויערים. געדענקסט יענעם פֿרײַנט, בײַ וועמען מיר האָבן איבערגענעכטיקט? איז אָט בײַ די האָט מען אויך פּונקט אַזוי צוגענומען די ערד.

בײַ לי־סינען איז אין דעם טאָג געווען אַרבעט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אַן אַנדער קרעמער האָט אים געדונגען אַף צו שלעפּן סכוירע פֿונעם קעלער אין קראָם.

און נאָר שפּעט אין דער נאַכט האָט לי־סין געגעסן קישקע. אָבער האָט ער זיך אַף דעם אָנגעהאָרעוועט!

ער האָט געטרוימט וועגן דעם, אַז די „גרויסע מעסערס" וועלן מאָרגן ווידער אָנפֿאַלן אַף דער שטאָט און וועלן צווינ־

געגן אלע קרעמער אריבערצוטראָגן די סכוירעס פון די קליישן אין די קעלערס אריַן און פון די קעלערס צוריק אין די קליישן.

VII

אפן אנדערן טאָג זיַנען די קראָמען געווען אָפן. אין די פענצטער האָט מען ארויסגעשטעלט סכוירעס, נאָר קיין ליי־זונג איז ניט געווען. דער פלאץ איז געווען פוסט, און די ריק־שעס און די קוליס זיַנען שאָענוויַז אָפגעשטאנען אָן האָפע־נונג אפ צו קריגן עפּעס אַן ארבעט.

מענטשן זיַנען ארומגעגאנגען בייזע. אין די קראָמען האָבן זיך געזידלט די קרעמער און געשלאָגן די מעשאָרסימלעך אין די לאנגע כאלאטן.

ס׳האָבן זיך געשאָלטן באלעבאָסטעס, קלאָגנדיק זיך אף דעם, וואָס קיין געלט איז ניטאָ.

ס׳האָבן זיך געזידלט די באאמטע און די סאָלדאטן פון דעם שטאָט־גארניזאָן, וואָס מע האָט שוין לאנג ניט אויסגעצאָלט קיין געהאלט.

ס׳האָבן זיך געשלאָגן די ריקשעס און די קוליס, וואָס זיַ־נען געבליבן אָן ארבעט און אָן עסן.

א לאנגזאמע זון האָט שווער געפּויזעט איבערן הימל, אָנ־גליִענדיק די גרויע שטיינער, די ווענט און דעם אספאלט פון די צענטראלע גאסן.

פארלאָרן די האָפענונג צו קריגן ארבעט, האָט לי־סין זיך פארקערעוועט אף דער שכיינעסדיקער גאס, צו געפינען כאָטש א שאָטן. בא א הויכן טעלעגראף־סלופּ האָט ער זיך אנידער־געזעצט אפן בוּרעג טראָטואר און איַנגעדרימלט

די זון האָט זיך אלץ וויַטער גערוקט איבערן הימל און באלד איז דער שאָטן אוועק פון לי־סינס קאָפּ, און די ווערטיקאלע שטראלן פון דער זון האָבן געבראָטן לי־סינס פּלייצע און האלדז־און־נאקן, נאָר ער האָט זיך ניט אופגעוואכט.

אף די גאסן פון א כינעזישער שטאָט קאָן מען זייער אָפט באגעגענען א שלאָפנדיקן קולי, און דעריבער האָט קיינער קיין אכט ניט געלייגט אף לי־סינען.

נאָר אָט האָבנ זיכ דורכנ גאסנ־גערויש דורכגעריסנ הילכיקע קלעפּ פונ א פּריק אונ אפ דער שכײַנעסדיקער גאס האָט זיכ באַוויזנ א גאנצע פּראָצעסיע.

פאָרויס איז געגאנגענ ניט קײנ הויכער מענטש אינ א מיליטער־פאָרם, לעבנ אים איז געגאנגענ א צווײטער, ווײַזט אויס, א באַאמטער. הינטער זײ זײַנענ געגאנגענ סאָלדאטנ, וואָס האָבנ געפירט פיר אָפּגעריסענע כינעזער מיט פארבונדענע הענט אפ הינטנ.

די דורכגײער האָבנ ארומגערינגלט די פּראָצעסיע פונ אלע זײַטנ. די סאָלדאטנ האָבנ קאם אײַנגעהאלטנ דעם נײַגעריקנ, זיכ שפּארנדיקנ האמוינ.

עמעצער האָט אָנגעטראָטנ לײ־סינענ אפנ פוס. לײ־סינ איז אופגעשפּרונגענ, גלײַכ אופגעכאפּט זיכ פונ ווײטעק. דער האמוינ האָט אים שיר ניט אומגעוואלגערט, צוגעקוועטשט אים צו א וואנט פונ עפּעס א שטוב.

לײ־סינ האָט זיכ ארופגעקליבנ אפ א שטײנ, וואָס איז געלעגנ בא דער וואנט, אונ איבער אלעמענס קעפּ האָט ער דערזענ די פיר ארעסטאנטנ אינ דעם קרײַז פונ סאָלדאטנ.

אײנער פונ די פיר האָט זיכ אים געדוכט עפּעס באַקאנט, אונ לײ־סינ איז אוועק נאָכנ האמוינ, סטארענדיק זיכ דורכצושטופּנ וואָס נעענטער צו די סאָלדאטנ.

אפנ ראָג גאס האָט זיכ די פּראָצעסיע אָפּגעשטעלט. די גרויסע, ברײטע גאס האָט דורכגעשניטנ א צווײטע צענטראלע גאס.

דער מענטש אינ דער מיליטער־פאָרם האָט זיכ אָפּגעשטעלט אפנ שײדוועג פונ די גאסנ, אונ די פּראָצעסיע האָט זיכ צעטײלט: אײנ טײל סאָלדאטנ מיט צווײ ארעסטאנטנ זײַנענ אוועק מיט דער האנדלס־גאס, אפ רעכטס צום מארק־צו, אונ די צווײטע — אפ לינקס, צו די שטאָט־טויערנ.

ניט לאנג געטראכט, איז לײ־סינ אוועק אינ יענער זײַט, וווהינ מע האָט אוועקגעפירט דעם צונויפגעבונדענעם מענטשנ, וואָס זײַנ פּאָנעם האָט זיכ אים אויסגעוויזנ באַקאנט.

אפ דער צווײטער האנדלס־גאס איז דער האמוינ אויסגעוואָקסנ אינ צווײענ.

דאָ זײַנענ ענג צונויפגעפרעסט געשטאנענ צווײשטאָקיקע אונ אײנשטאָקיקע הײַזער.

די פענצטער פונ די אונטערשטע שטאָקנ זײַנענ אָנגעפּאקט געווענ מיט סכוירעס, אראָפגעבראכטע פונ צאָפנ־אמעריקע אונ יאפאָניע.

פונ די אײַזערנע אונ הילצערנע קראָנשטײנענ זײַנענ אראָפגעהאנגענ איבער דער מיט פונ גאס די שמאָלע לײַוונטנ פונ די שילדנ מיט שווארצע אונ רויטע אופשריפטנ. דער ווינט האָט לײַכט געוויגט דידאָזיקע טשאטע ווײַסע פלאגנ.

די ניט גרויסע פענצטער זײַנענ פארהאנגענ געווענ מיט פאָרהאנגלעכ אונ ראָגעזשעס. אינ די קלײטנ האָבנ זיכ אינ דער טונקל ארומגעדרײט געזעלנ אונ פריקאשטשיקעס, וואָס זײַנענ אינ די כינעזישע קראָמענ, געווײנלעכ, מער ווי קוינים.

דאָ גלײַכ אינ די הינטער־קראָמענ האָבנ זיכ געפונענ ווארשטאטנ, ווו מע פלעג פאריכטנ געשיר, שטיוול, מ׳פלעג פארבנ פאָרצעלײַ, פאיאנס, מ׳האָט ארומגענײט מיט גאָלד די סילועטנ פונ די בודעס אפ גראָבנ ווײכנ פאפיר, מ׳האָט אויסגענײט שטאָפנ, גענײט קלײדער א. אז. וו.

אָט די גאנצע אָנצאָליקע ארמײ געזעלנ, באדינערס, ווי נאָר זײ האָבנ דערזענ דורכ די פענצטער די פראָצעסיע, האָבנ זײ זיכ א שפאר געטאָנ צו דער גאס.

די גאס האָט געמאכט אנ אײַנדרוק פונ א מאניפעסטאציע.

סאָלדאטנ האָבנ זיכ אויסגעשטעלט אפנ ראָג. די פאָליצײער אינ ווײַסע העמטשקעס האָבנ פאנאנדערגעשטופט דעם אוילעם. דער אוילעם האָט נאָכגעלאָזט.

נאָר גלײַכ ווי דער פאָליצײער פלעג אָפטרעטנ אָנ א זײַט, פלעג זיכ דער אוילעם ווידער א שפאר טונ פאָרויס.

לי־סינ האָט זיכ מיט א פלינקײַט פונ א קאצ ארופגעקליבנ אפ א הויכער וואנט פונ א ווינקל־שטוב אונ האָט זיכ געזעצט רײַטנדיק אפנ טויער. איצט האָט ער גוט געקענט זענ אלצ, וואָס האָט זיכ געטאָנ אפנ געקרײצ פונ די גאסנ.

אינמיטנ קרײַז זײַנענ געשטאנענ צווײ מענטשנ מיט צונויפגעבונדענע הענט אפ הינטנ. לעבנ זײ זײַנענ געשטאנענ צווײ

הויכע טאַליאָגים, אָנגעשפּאַרט אַף זײערע לאַנגע, קרומע שווערדן. ניט ווײַט פֿון זײ זײַנען געשטאַנען נאָך צוויי מענטשן אין שוואַרצן, וואָס זײַנען געווען די געהילף־טאַליאָגים. די פּאָליצײ־לײַט און די סאָלדאַטן מיט די ביקסן האָבן אָפּגעהאַלטן דעם שפּאַרנדיקן האַמוין.

דער פּײַקלער האָט ווידער אַ זעץ געטאָן הילכיק אין פּויק. דער האַמוין איז אַנטשטומט געוואָרן.

דער מענטש אין דער מיליטער־פֿאָרם האָט גענומען לײענען עפּעס אַ לאַנגן פּאַפּיר. לי־סין האָט קימאַט ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ס'האָט געלײענט דער מיליטער־מענטש.

ער האָט עפּעס געהערט וועגן באַנדיטן, קאָמוניסטן. איבער הויפּט דער זעלבער איז צו לי־סינען דערגאַנגען די לעצטע פֿראַזע: „דיזעלבע שטראָף דראָט אַלעמען, וועל ס'וועט אונטערהאַלטן די באַנדיטן־קאָמוניסטן".

ווען דער מענטש אינעם מיליטערישן מאַנטל האָט פֿאַרענדיקט לײענען, האָט זיך ווידער דערהערט דאָס פּויקן, און די הויכע מענטשן אין שוואַרצן האָבן אַ כאַפּ געטאָן די פֿאַרמישפּטע פֿאַר די צעפּ און אַוועקגעשלעפּט זײ אין פֿאַרשײדענע זײַטן.

דער מיליטער־מענטש האָט עפּעס אַ געשריי געטאָן, און בײדע פֿערמישפּטע האָבן זיך טײקעף אַראָפּגעלאָזט אַף די קני.

זײ זײַנען געשטאַנען אײנער אַנטקעגן דעם צווייטן אַף אַ שטרעקע פֿון 5—6 מעטער. אײנער פֿון זײ—מיטן רוקן צו לי־סינען, און דער צווייטער—מיטן פּנים. ווען אָט דער צווייטער האָט אויפֿגעהויבן זײַן קאָפּ, האָט לי־סין גלײַך דערקענט אין אים זײַן שאָכן פֿון דער אַנטקעגנדיקער נאָרע, דעם אַרבעטער, וועלכן מע האָט אַרעסטירט מיט עטלעכע טעג צוריק באַנאַכט. זײַן פּנים איז געווען ווײטעקלעך אויסגעמאַטערט, די אויגן אײַנגעפֿאַלן, אַף לינקן שלײף האָט זיך געבלוײַט אַ בלוט־בײַל, און די אונטערשטע ליפּ איז געווען אָנגעשוואָלן.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז דער פֿאַרמישפּטער האָט גאָרניט געזען פֿאַר זיך. זײַנע לײדיקע אויגן האָבן געקוקט אין לי־סינס זײַט. לי־סין האָט אים מיט דער האַנט געוואָלט אַ רוף טאָן, נאָר עס זײַנען טײקעף אונטערגעשפּרונגען די יונגע טאַל־

יאָנימ אינ שווארצנ, די געהילפ־טאלאָנימ, אונ א כאפ געטאָנ די פארמישפעטע פאר די הענט, וואָס זײַנענ געווענ אויסגעדרייט אונ פארבונדנ אפנ רוקנ, אונ שארפ א דרייאויס געטאָנ די הענט אפ ארופצו. פונ אָט דעמ האָבנ זיכ בא די פארמישפעטע א ריס געטאָנ די קעפ פאָרויס, אונ נאָכ שטארקער האָט זיכ צעפריקט דער פויק, אונ די טאליאָנימ האָבנ א פאָכ געטאָנ מיט די שווערדנ. אונ ליי־סינ האָט דערזענ, ווי א קאָפ פונ אײנעמ פונ די פארמישפעטע האָט א קלאפ געטאָנ מיטנ שטערנ איבער דעמ אספאלטענעמ ברוק, אונ פונ דעמ אָנקעפיקנ האלדז האָט א שפאר געטאָנ א שווארצער פאָנטאנ בלוט.

דער האמוינ, וואָס איז ביז דער לעצטער מינוט געשטאנענ שטיל, האָט זיכ א שאָקל געטאָנ אונ א כוואליע אופרעגונג־שטימענ האָבנ פארטויבט דאָס פויק־געקלאפערײַ. הונדערטער מענטשנ האָבנ זיכ א רוק געטאָנ פאָרויס, דאָס אָרט פונ דער קעפּונג איז פארפלייצט געוואָרנ מיט צעברויזטנ האמוינ.

VIII

די זונ האָט זיכ אראָפגעלאָזט הינטער דער שטאָטישער וואנט, אונ ליי־סינ האָט שוינ פארלאָרנ די מינדסטע האָפענונג צו קריגנ ארבעט. ער האָט זיכ אוועקגעשלעפט צו זײַנ אָרעמ געצעלט.

פארנ גאנצנ טאָג האָט ער פארדינט נאָר עטלעכע „טונדערס”, וואָס האָבנ געקלעקט אפ א סאמע קלײנטשיק קווערטעלע רײַז. ליי־סינ איז געווענ שטארק באטריבט. ער איז שוינ געשטאנענ פאר די גרויסע שטאָטישע טויערנ מיט די הויכע פארבויגענע ראנדנ פונ די טשערעפיצענע דעכער, נאָר עמעצנס א האנט האָט אימ גרינג א ריר געטאָנ פארנ אקסל.

ליי־סינ האָט זיכ אומגעקוקט. דאָס איז געווענ דאאָ־די.

דער יעגער האָט אימ גערופנ מיטנ פינגער אינ א שמאָלנ ליקל ארײַנ. אונ ווענ ליי־סינ האָט אימ גענומענ נאָכגײנ, האָט זיכ דאאָ־די אָפגעשטעלט בא דער וואנט אונ א זאָג געטאָנ צו ליי־סינענ:

— איכ בינ געקומענ פונ די בערג. גײנ נעכטיקנ אינ דער שטוב, ווו איכ נעכטיק שטענדיק, טאָר איכ ניט. נעמ מיכ צו זיכ.

— און וואָס וועט זאָגן מײַן באַלעבאָסטע?— האָט א פרעג געטאָן לי־סין.

— בא מיר געפינען זיך עטלעכע קופּערנע מאַטבייעס— איך וועל איר פאַרן נאכטלעגער באַצאָלן.

— אויב אַזוי, טאָ לאָמיר גיין,— איז אײַנגעגאַנגען לי־סין.— בא מיר אליין איז אפילע קיין איין „קאַש"[1]) ניטאָ.

אין א ווײַלע ארום איז שוין דאַ־די געלעגן צוזאמען מיט לי־סינען אף איין נאַרע.

דאַ־דיס ביקס איז געלעגן צוקאָפּנס, און לי־סין האָט א גאנ־צע נאכט ניט אראָפּגענומען די פינגער פונעם קאַלטן רער.

אין דער פינצטער האָט לי־סין שטילינקערהייט דערציילט דאַ־דין וועגן די צוויי ארעסטירטע ארבעטער־שכיינים און וועגן דעם איינעם, וואָס מע האָט געקעפּט.

— פאַרוואָס האָסטו מיר וועגן דעם פריִער ניט דערציילט?— האָט מיט פאַרדראָס א פרעג געטאָן דאַ־די.— דו זאָגסט, אז דער אָפיצער, וואָס האָט זיי ארעסטירט, האָט פון פריִער גע־ווּסט, ווו זיי נעכטיקן. דאָס הייסט, אז בא אײַך געפינט זיך א פאַררעטער.

— דו האָסט דען אויך מוירע, מע זאָל דיך ניט ארעסטירן?— האָט א פרעג געטאָן לי־סין.

— מיט אַן אָרעמאַן קאָן זיך אַלץ טרעפן,— האָט געענט־פערט דאַ־די.— ארום דער שטאָט איז ניט רויִק, די פויערים־פאַרטיזאַנער קלײַבן זיך ווידער צו גיין אף דער שטאָט. אין שטאָט וועלן זיך ווידער אָנהייבן ארעסטן און טויט־שטראָפן.

— צי דען־זשע זײַנען די פויערים פאַר די באַנדיטן־קאָמור־ניסטן?— האָט א פרעג געטאָן לי־סין.

— ע! דו פאַרשטייסט גאָרניט,— האָט א זאָג געטאָן דאַ־די.— באַנדיטן רופט מען דאָ [illegible] אין שטאָט אַלע פויערים, וואָס פאַרטיידיקן זיך מיט געווער אין די הענט. דו ווייסט, אז איי־נער פון די, וועלכע מע האָט נעכטן געקעפּט, איז מײַנער א פרײַנט. צוריק מיט א יאָר האָט מען בא אים צוגענומען זײַן

---

[1]) קאַש — קליינגעלט.

ערד אונ זײַנ שטוב, אונ דערפאַר, וואָס ער איז אוועק אינ די נערנ צו די אופשטענדלער, האָט מענ אים אראָפּגעהאַקט דער קאָפּ.

אפ דער צווייטער נאַכט האָט זיכ עמעצער א ריר געטאָנ. דאָ־די איז אנטשוויגנ געוואָרנ.

קאַיאָר, ווענ לי־סינ האָט זיכ אופגעכאַפּט, די זונ האָט זיכ נאָכ ניט געהאַט אופגעהויבנ איבער דער שטאָט־וואַנט. אר־דאָ־די שוינ לעבנ אים ניט געווענ.

IX

דעמ טאָג איז לי־סינ אוועק פונעמ מארק פריִער ווי שטענדיק. די זונ איז נאָכ געהאַנגענ איבער די פאָרשטעט־הײַזער, ווענ ער האָט זיכ מיט א פארכאַלעשטנ טראָט, א מידער אונ א הונגעריקער, אוועקגעשלעפּט אהײמ.

ס׳איז געווענ קלאָר, אז קײנ ארבעט וועט שוינ הײַנט ניט זײַנ. לאַנגזאַמ האָבנ זיכ געצויגנ די שאָענ פונעמ גליִענדיקנ טאָג, נאָר קײנער האָט לי־סינענ קײנ ארבעט ניט פאָרגעלײגט.

אפ די גאַסנ, אפ די פּלעצער אונ אפנ מאַרק איז געווענ פּוסט, די קראָמענ זײַנענ געווענ פארמאַכט, אונ די הילצערנע לאָדנס זײַנענ פעסט צוגעשטאַנענ צו די פענצטער, אינ וועלכע עס האָבנ געווײנלעכ געשײַנט די ארויסגעשטעלטע סכוירעס.

מער ניט די שפּײַז־קראָמענ זײַנענ געווענ א גאַנצנ טאָג אָפנ אונ האָבנ פארקויפט אלצ פאר אזוינע טײַערע פרײַזנ, אז די קוינים האָבנ געהאַלטנ אינ אײנ שעלטנ די קרעמער.

לי־סינ האָט גאָרניט געוווּסט, וואָס עס קומט איצט פאָר אינ שטאָט אונ הינטער דער שטאָט, נאָר ער האָט דערפילט, אז די גאַנצע שטאָט וואַרט אפ עפּעס — ס׳וועט עפּעס געשענ.

פארבײַגײענדיק פארבײַ די צאָפנדיקע שטאָטישע טויערנ, האָט ער באַמערקט, אז די ברײטע צווײענדיקע טויערנ, באַשלאָגענע מיט אײַזנ, זײַנענ פארהאַקט אונ א גרויסער פירקאַנטיקער שלאָס, ווי א קאָפּ די גרײס, איז געהאַנגענ אינמיטנ.

בא די טויערנ האָבנ זיכ געשטופּט מענטשנ, וואָס האָבנ באַדאַרפט ארויס פונ דער שטאָט: זיי האָבנ געפאָדערט, מע זאָל זיי דורכלאָזנ דורכ די טויערנ. מיט גיכע טריט פלעגנ דורכ־

גײנ איבער די גאסנ גרופקעס סאָלדאטנ, אונ די דורכגײער, וואָס פלעגנ זײ דערזעען, פלעגנ זיכ סטארען אָפּצוקערעווען אינ א זײַט.

אפ די האנדלס־גאסנ איז געווענ פוסט. פונעם ליקל, ווו ס׳האָט געוווינט לײ־סינ, האָבנ זיכ געטראָגנ קוילעס.

דאָס שמאָלע, שמוציקע ליקל איז געווענ פארפולט מיט א האמוינ מענטשנ. א גרויסער אוילעם האָט זיכ געשטופּט בא דער סאמע וואנט פונ לײ־סינס שטוב.

לײ־סינ האָט זיכ דערקליבנ צום שטוב, פאנאנדערשטופנדיק דעם אוילעם. בא דער טיר האָט ער דערזעענ זײַנ באלעבאָסטע. די האָר זײַנענ בא איר געווענ צעוואָרפנ, די אויגנ זײַנענ ארומגעלאָפנ. זי האָט עפּעס גיכ־גיכ דערצײלט דעם מיליטער־מאנ, וואָס איז געשטאנענ אנטקעגנ איר.

דער מיליטער־מאנ האָט זי אָנגעכאפּט באם אקסל:

— רעד צו דער זאכ, אלטער נאר! ווו איז ער, אָט דער טויגעניכטס?

— זאָל איכ פונעם אָרט ניט אראָפּ, — האָט געיאָמערט די אלטע, — ער איז אוועק צו דער ארבעט, אונ ווו ווײס איכ ניט.

אינ דער מינוט האָט לײ־סינ דערקענט דעם מיליטער־מאנ. דאָס איז געווענ דער יונגער אָפיצער, וואָס האָט ארעסטירט זײַנע צוויי שכײנים־ארבעטער.

— ווער פונ איַכ קאָנ לײ־סינענ? — האָט זיכ צעשריענ דער אָפיצער אפנ האמוינ. — טײקעפ זאָגט מיר!

בא לײ־סינענ האָבנ די קני א ציטער געטאָנ. ער האָט זיכ אײַנגעקאָרטשעט, די היטל אפ די אויגנ ארופגערוקט אונ געוואָלט שטעלנ פיס פונעם ליקל. נאָר דער באלעבאָסטעס זונ, א 15־יאָריק ייִנגל, וואָס איז געשטאנענ צווישנ אוילעם, האָט אים באמערקט.

— אָט איז ער! אָט איז ער! — האָט זיכ צעשריענ דאָס ייִנגל אונ האָט זיכ אײַנגעקלאמערט אינ לײ־סינס ארבל.

דער אָפיצער האָט באפוילנ די סאָלדאטנ כאפּנ לײ־סינענ.

לײ־סינ האָט אזא שטופּ געטאָנ דאָס ייִנגל, אז ער האָט זיכ א קײַקל געטאָנ איבער דער ערד, ווי א קײַקעלע, אונ אלײנ האָט זיכ לײ־סינ א לאָז געטאָנ איבערנ ליקל.

די סאָלדאטנ, מיט די ביקסנ אינ די הענט, זײַנענ אים נאָכגעלאָפֿנ.
לי־סינ האָט שוינ געהאט דערלאָפֿנ ביזנ ראָג, איז פּלו־
צים פֿונ דער צווײטער גאס ארויס א דורכגײער אונ לי־סינ
איז אַפֿ אים אָנגעפֿלויגנ. דער דורכגײער איז געפֿאלנ אונ לי־
סינענ האָט זיך אײַנגעגעבנ זיך אײַנהאלטנ אַפֿ די פֿיס, נאָר
די סאָלדאטנ האָבנ זיך אינעם זעלבנ מאָמענט דערנענטערט צו אים.
לי־סינ האָט זיך מיט די לעצטע קױכעס געיאָגט איבער די
ליקלעך, ווי א ווײכער איז ער געפֿלויגנ. נאָר ווענ ער האָט זיך
געדארפֿט פֿארקערעווענ אינ א צווײטער גאס, האָט ער זיך
א גליטש געטאָנ אונ א פֿאל געטאָנ אינ א גליטשיקער קאליוזשע.
ער האָט ביז בלוט צעקלאפּט די קני, דעם קאָפּ. ער האָט
זיך געפּרוּווט אופֿהײבנ אַפֿ די פֿיס, נאָר צווײ סאָלדאטנ זײַנענ
שוינ געזעסנ אַפֿ אים. ווענ לי־סינ האָט זיך אופֿגעהויבנ, זײַנענ
בא אים די הענט געווענ פֿארבונדנ מיט א שטײַפֿנ קנופּ.
דער סאָלדאט האָט אים גראָב א כאַפּ געטאָנ פֿארנ אקסל
אונ אוועקגעשלעפּט צום אָפֿיצער.
דער אָפֿיצער האָט אָנגעהויבנ פֿונ דעם, וואָס ער האָט אים
א פּליאסקע געטאָנ אינ פּאָנעם.
— פֿארוואָס האָסטו זיך ניט אָפּגעשטעלט, ווענ מע האָט צו
דיר געשריִענ „שטײ״? — האָט זיך צעשריִענ דער אָפֿיצער.
נאָר לי־סינ האָט ניט געדענקט, אז עמעצער זאָל צו אים
שרײַענ „שטײ״.
— הײ, וואָס שטומסטו? — האָט געשריִענ דער אָפֿיצער.
לי־סינ האָט ניט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערנ. ער איז גע־
לאָפֿנ, ווײַל ער האָט מוירע געהאט, מע זאָל אים ניט אראָפּ־
האקנ דעם קאָפּ, ווי יענעמ ארבעטער.
דער אָפֿיצער האָט א כאַפּ געטאָנ לי־סינענ פֿארנ קאָלנער
אונ אים א שטופּ געטאָנ מיטנ נאָז אינ א ווײַסינק שטיקל פּא־
פּיר, וואָס איז אָנגעקלעפּט געווענ אַפֿ דער גרויער וואנט.
— דײַנ ארבעט? — האָט ער געפֿרעגט.
לי־סינ איז געווענ אנ אנאלפֿאבעט. ער האָט קײנמאָל ניט גע־
לערנט אונ קײנמאָל ניט געשריבנ אונ ניט פֿאנאנדערגעקלעפּט
קײנ בלעטעלעך מיט קײנ צײכנס.

— ניט איכ! — האָט ער געענטפערט, אונ ארומגעלעקט די צעשלאָגענע ליפּ, פונ וועלכער ס׳האָט געטריפט בלוט.

— ניט דו? — האָט זיכ צעגוואלדעוועט דער אָפיצער, — איז ווער־זשע?

— ניט איכ, — האָט געענטפערט לי־סינ.

— איז פארוואָס ביסטו געלאָפנ?

— איכ ווייס ניט.

— איז ווער ווייסט? דו ביסט געלאָפן, הייסט עס, אַז דו ביסט שולדיק, הייסט עס, אַז דו האָסט פאַנאַנדערגעקלעפּט פּראָקלאַמאַציעס.

לי־סין האָט קיינמאָל ניט געהערט דאָס וואָרט „פּראָקלאַמאַציעס". ער האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן געקוקט אפן אָפיצער. דער אָפיצער האָט מיטן שפּיץ פון זײַן פּאַלאַש באַוויזן אפן ווײַסן בלעטל.

— אָט דאָס האָסטו פאַנאַנדערגעקלעפּט?

— ניין, ניט איך, איך בין אַ גאַנצן טאָג געווען אפן מאַרקפּלאַץ.

— דו ווייסט אָבער, וואָס דאָ איז אָנגעשריבן? דו ווייסט, אַז אָט דאָס בלעטל האָבן אָנגעשריבן קאָמוניסטן, און אַז אַלע קאָמוניסטן וועלן מיר די קעפּ אָפּהאַקן?

לי־סין האָט געשוויגן.

דער אָפיצער האָט באַפוילן אַ רוף צו טון די אַלטע, די באַלעבאָסטע פון שטוב.

— זאָג, אָט דער מענטש האָט געבראַכט איינעם אַן אומבאַקאַנטן — אַ באַנדיט?

די אַלטע האָט זיך ווידער צעיאָמערט.

דער אָפיצער האָט איר דערלאַנגט מיטן שיידל איבערן רוקן. די אַלטע איז געפאַלן אפ די קני.

— זאָג, אָט אַ דער?

— יאָ, ער — לי־סין. ער האָט געבראַכט דעם פאַרפלוכטן באַנדיט.

איינעם האָמרין האָט זיך דערהערט אַן אומצופרידענער געמורמל.

— זאָג, ווער איז בא דיר געווען באַנאַכט? ווער איז מיט דיר געשלאָפן אפ איין נאַרע? — האָט געפרעגט דער אָפיצער בא לי־סינען.

לי־סין האָט פאַרשטאַנען, אַז מע פרעגט בא אים וועגן דאָ־די, — דאָ־די, וואָס שיסט אַזוי קונציק אין די פייגלען, וואָס שפּרינגט אַזוי גרינג איבער די פעלדזן, בא וועמען עס איז פאַראַן אַזאַ גלענצנדע שוואַרצע ביקס.

און ער האָט שוין רויִק געענטפערט:

— דאָס איז געװען דאָ־די דער יעגער.

— א באנדיט, ניט קיין יעגער,— האָט א געשריי געטאָן דער אָפיצער.

— ניין, ער איז א יעגער.

— װוּ איז ער איצט?

— איך װײס ניט. ער איז אװעק און ניט געזאָגט װוּהין.

— דו לײַגסט, ער האָט פאנאנדערגעקלעפט באנדיטישע פראָקלאמאציעס. זאָג, װער זײַנען זײַנע פרײַנט?

ליי־סין האָט ניט געקענט דעם יעגער דאָ־דיס פרײַנט.

ליי־סין האָט געענטפערט:

— איך װײס ניט.

— נו, דו װעסט שוין בא מיר א רעד טון! — האָט א געשריי געטאָן דער אָפיצער. — נעמט אים! — האָט ער באפוילן די סאָלדאטן.

איינער פון די סאָלדאטן האָט מיטן קאָלבן א קלאפ געטאָן ליי־סינען איבער דער פלייצע.

די סאָלדאטן, ליי־סין און דער אָפיצער האָבן אװעקגעשפאנט איבער דער גאס, באגלייט פונעם האמוין מענטשן.

X

בלויע שװערע שטראָמען רויך שװימען איבער דעם פארשפיגענעם ערדענעם דיל, פארקלײַבן זיך אין די נאָזלעכער און קריכן אין די אויגן.

מע קאָן שוין ניט אריבערטראָגן דעם געשטאנק פון די צעפוילטע אָפװארפן און מענטשלע[illegible]יפעש.

א שװערע אומגעלומפערטע טיר איז פעסט פארהאקט, — קלאפ יאָ, קלאפ ניט — אלצײנס װעט קיינער ניט דערהערן.

אנשטאָט פענצטער — אויסגעבויערטע לעכלעך אין דער דיקער װאנט, דורך װעלכע עס קריכט דורך די שײַן, נאָר דערפאר רײַסט זיך אויך ארײַן דורך זיי: װינט, שניי און רעגן.

בא די װענט — דרײַשטאָקיקע נארעס. דער ארעסטאנט קאָן ניט זעצן זיך, ניט אויסגלײַכן דעם רוקן — אזוי נידעריק איז דער באלקן. דער אונטערשטער שטאָק נארעס איז באם סאמע

דיל. באנאכט לויפן אום שטשורעס איבער די נארעס, ניט מוירע האָבנדיק פאר קיין מענטשן. אפ די נארעס זײַנען אָנגעוואָרפן שמוציקע שמאַטעס, וואָס פאַרשפּרייטן א ווארגנדיקן רייעך.

נאָר די מענטשן זיצן ניט נאָר אפ די נארעס. אז מען גייט אריין אביסל צו צו דער פינצטערניש, זעט מען, אז די קאמערע איז פול געפּאַקט מיט מענטשן. אייניקע זײַנען צוגעבונדן איינער צום צווייטן פאר די צעפּ. בא אנדערע זײַנען אפ די פיס אָדער אפן האלדז שווערע הילצערנע קלעצלעך. מער ניט בא איינצלנע זײַנען אפ די הענט אָנגעטאָן קורצע קייטן. דאָס איז שוין די אייראָפּעישע ציוויליזאציע אַרײַנגעדרונגען אין דער כינעזישער טורמע.

די טיר עפנט זיך אוף נאָר קעדיי אַרײַנצולאָזן נײַע ארעסטאנטן. די טורמע-נאטשאלסטווע רעכנט זיך ניט מיט דעם, וואָס די טפיסע איז איבערגעפּאקט. ווען מען גייט עס איצט אָן! דער שטאָט דראָט איצט אן אָנגריף פון די רויטע. די שטאָט ברויזט. אפ די ווענט פון די הײַזער און אפ דער שטאָט-וואנט באווײַזן זיך אלע נאכט בלעטלעך.

אָט די אופרופן רופן די ארבעטער, פויערים און די קוליס צום אופשטאנד, צום קאמף, צו נעקאָמע.

די בלעטלעך זײַנען געשריבן אפגיך, מיט די סאמע פּאָשעטסטע צייכנס. אפילע די האלב-איווּרעדיקע ריקשעס און קוליס קאָנען עס לייענען.

די שטאָט איז אופגערעגט. די שטענדיק שטילינקע, געהאָרכזאמע ארבעטער פון די קליינינקע זאוואָדן און פאבריקן שושקען זיך אין די ווינקעלעך, און די אָפּזעער טײַנען פאר די באלעבאטים, אז די ארבעטער גרייטן א שטרײַק.

די שילער און די געזעלן פון די פּילצאָליקע ווארשטאטן פאָלגן ניט די מײַסטערס און די באלעבאטים.

די ריקשעס און די קוליס זײַנען געוואָרן גראָב און ניט נאָכגעביק.

נאָר דאָס סאמע שרעקלעכסטע, דאָס סאמע אומדערוואַרטסטע איז דאָס, וואָס די סאָלדאטן האָבן אויך גענומען לייענען די

בלעטלעך, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געווען פון די אופשטאַנד־פירער ספּעציעל פאַר זיי.

„ברידער־סאָלדאַטן! — שרײַבן די אופשטענדלער — צוליב וואָס דאַרפן מיר זיך שלאָגן? איר זײַנט אָרעמע און מיר זײַנען אָרעמע. מיר פאַרטיידיקן אונדזער ערד און לעבן, און אײַך נאַרט מען אָפּ, אײַך נויט מען צו פאַרטיידיקן דאָס לעבן און דאָס גוטס פון די רײַכע. גייט איבער צו אונדז, לאָמיר זיך צוזאַמען שלאָגן קעגן די גענעראַלן און באַאַמטע און קעגן די אונטערדריקער־אויסלענדער. אויב איר האָט מורא איבערצוגיין אין די מאַכנעס פון די רויטע אופשטענדלער, ווו מע וועט אײַך צו זאַט שפּײַזן, ווו די קאָמאַנדירן וועלן זיך באַגיין מיט אײַך, ווי מיט כאַווײרים, טאָ שיסט ניט אין די אָרעמע פויערים, דעמאָלט וועלן מיר אויך ניט שיסן אין אײַך. זאָלן זיך אײַערע קאָמאַנדירן שלאָגן מיט אונדז".

די קאָמאַנדירן ווייסן גוט, אז די כינעזישע געדונגענע סאָלדאַטן שלאָגן זיך מיט יעדערן, מיט וועמען מ׳הייסט זיי זיך שלאָגן. אָט אזוי פאַרדינט יעדער געדונגענער סאָלדאַט א קווערטל רײַז און א הויפן גרינס — זײַן נישטיקע טאָגטעגלעכע פּאָרציע.

נאָר די קאָמאַנדירן הייסן אָבער אויך גוט, אז קיין איינער פון די כינעזישע סאָלדאַטן וויל ניט שטאַרבן. אויב די אופשטענדלער לייגן פאַר די סאָלדאַטן, זיי זאָלן ניט שיסן, וועלן די סאָלדאַטן ניט שיסן, ווײַל זיי טראָגן דאָך ניט קיין האס אף די אופשטענדלער־פויערים. און ס׳האָט דען ניט געטראָפן, אז די געדונגענע סאָלדאַטן פלעגן פאָלקנווײַז אריבער אף דער זײַט פון די אופשטענדלער? פון געדונגענע סאָלדאַטן פלעגן ווערן רויטע קעמפער־ענטוזיאַסטן.

די פירער פון די אופשטענדלער קענען גוט אגיטירן.

אָט פאַרוואָס די שטאָטישע מאַכט סטאַרעט זיך, נאָך איידער עפּעס וואָס, אריינצושטופן אין טפיסע אלע אומצופרידענע, אלע אומרויִקע אָרעמעלײַט, ארבעטער, קולים און פויערים.

אויב אין שטאָט וועט זיך צעפלאַקערן אַן אופשטאַנד, וועלן די רײַכע גענעראַלן און קרעמער זײַן צווישן צוויי פײַערן.

— האָסט מער ניט קײנ טאבעק? — האָט מיט די לעצטע קויכעס א פרעג געטאָנ לײ־סינענ א כאווער.

— נײנ, — האָט געענטפערט לײ־סינ.

לײ־סינ איז געלעגנ אפ דער נארע, וואָס לעבנ דער סאמע טיר. די צעשלאָגענע פלײצע ציט אים שטארק. די ליפּ איז אופגעלאָפנ אינ א גרויסנ, בלויענ פוכיר. די קורצע קײטנ פונ די שווערע קאָנדאלנ לאָזנ אים ניט זיכ אויסגלײַכנ אונ זיכ לײגנ גוט. שוינ פיר טעג, אז ער ליגט ארומגערינגלט מיט וואָלקנס שטיקנדיקנ טאבעק־רויכ, אינ שמוצ, אינ לײַז, א צעשלאָגענער, א בײזער אונ א טויט־הונגעריקער.

לײ־סינ פלעג ניט באמערקנ, וויאזוי ס׳פלעגנ אוועקגײנ די שאָענ אונ טעג.

מער ניט דעם ערשטנ טאָג האָט ער זיכ נײַגעריק צוגעקוקט צו אלצ, וואָס ס׳טוט זיכ ארום אים. אינ קאזעמאט איז אלצ שרעקלעכ אײנארטיק. די וועכטער שטופּנ אלצ ארײַנ נײַע מענטשנ, אויכ אזױנע אומגליקלעכע, ווי לײ־סינ. אונ ווידער הערנ זיכ דיזעלבע קרעכצנ, דיזעלבע קורצע געשיכטעס, אונ אלצ דיזעלבע שמוצ, אונ אלצ דאָסזעלבע פארביטערטקײַט.

נאָר לײ־סינ קלערט איצט זײער אסאכ. קײנמאָל האָט ער אזויפיל ניט געטראכט.

אָפּזיצנדיק לאנגע שאָענ אפנ מארק־פּלאצ, פלעג ער קוקנ אפנ האמוינ גוט אָנגעטאָנענע מענטשנ, אפ די ייִנגלעכ, וואָס האָבנ זיכ געשפילט אינ די קאליוזשעס, אפ די ווענט, אפ די אויסגעבויגענע טשערעפּיצענע דעכער, אפ דער רונדער זונ אונ ס׳איז אים קײנמאָל אפנ געדאנק ניט ארופ — פארוואָס איז ער דאָס שטענדיק הונגעריק אונ דער שטאָט־שעפ איז זאט? פארוואָס איז ער אָרעם אונ דער קרעמער רײַכ?

איצט האָט מענ אים צענערעקט, ארײַנגעוואָרפנ אינ טורמע אונ מע וויל בא אים אוועקנעמענ דאָס לעבנ. ער האָט קײנמאָל קײנ מיליטער־מאנ ניט א קלאפ געטאָנ. ער האָט אפ קײנעמ קײנמאָל קײנ האנט ניט אופגעהויבנ, קײנמאָל קײנעמ ניט אָפּגענארט. ער האָט אפילע ניט געזענ, ווער ס׳האָט אפ דער וואנט פונ דער באלעבאָסטעס שטוב ארופגעקלעפּט דאָס בלעטל.

אויב אפילע דאָס בלעטל האָט אופגעהאנגען דאָא־די, קומט אים אויך גאָרניט. דאָא־די האָט אים אפילע ניט געזאָגט צוליב וואָס ער איז געקומען אין שטאָט. ער איז א דרייסטער, גוטער יעגער. ס׳קאָן ניט זיין, אז ער זאָל זיך איינשטעלן פאר באנדיטן.

ס׳קאָן זיין, אז ער האָט פארטיידיקט זיינע אָרעמע פריינט, בא וועמען מע האָט צוגענומען די שטוב מיט דער ערד. נאָר ס׳איז דאָך ניט ערלעך אָפּצונעמען באם אָרעמאן זיין לעצטן פארמעגן!

דער שאָכן זיינער, וואָס האָט בא אים די גאנצע צייט גע־בעטן טאבעק, איז אויך א פויער. בא אים האָט מען צוגענומען זיין שטוב און זיין ערד, ווייל ער האָט ניט געצאָלט קיין שטייערן. ער שווערט זיך מיט אלע שוועס, אז ער האָט ניט געהאט מיט וואָס אָפּצוצאָלן דעם נייעם שטייער, ער האָט שוין אין דעם יאָר אָפּגעצאָלט צוויי מאָל אלע שטייערן ביז א ברעקל.

אין דער כינעזישער טורמע וועסטו ניט הערן קיין לאנגע שמועסן, וויאזוי דער אָדער יענער איז אריינגעפאלן אהערצו.

די שווערע קלעצלעך פארשאפן גרויסע ווייטעקן, דאָס בלוט ווערט פארגליווערט אין די הענט און אין די פיס, אזוי שטארק שניידן זיך איין די קורצע, געזונטע קייטן.

גוט איז, ווען עס גיט זיך איין איינצושלאָפן. דעמאָלט גייט די צייט אוועק אומבאמערקט.

אָבער דער שלאָף אין אזא שטיקנדיקער, אָנגערויכערטער לופט איז א שווערער, פול מיט האליוצינאציעס.

פאר אָט די פיר טעג האָט לי־סין פארשטאנען, אז קימאט אלע, וואָס געפינען זיך דאָ, האלטן זיך ניט פאר קיין פארברע־כער. מער נישט איינעם אן אלטן, וואָס ליגט אפ דער אונטער־שטער נארע, האָט מען אריינגעזעצט פאר מאָרד—ער האָט גע־הארגעט זיין שאָכן. אין ווינקל פון דער קאמערע וואלגערן זיך נאָך עטלעכע קעשענע־גאנאָווים, נאָר אלע איבעריקע זיינען ארעסטירט איבער דעם, וואָס זיי האָבן געהאָלפן די „באנדיטן״ און די קאָמוניסטן.

אין טורמע האָט לי־סין פארשטאנען, אז די שטאָטישע מאכט רופט אָן באנדיטן יענע אָרעמע פויערים, וואָס האָבן שוין מער ניט געקענט אריבערטראָגן די רעדיפעס פון די באאמטע, וואָס

מאָנען אײַן די שטײַערן, און פון די גווירים, וואָס גיבן אָפּ אין ארענדע זייער ערד. זיי זײַנען אנטלאָפן אין די בערג און וועלדער, באוואָפנענדיק זיך מיט מעסערס אוןווילעס.

איינער פון לי־סינס שכנים האָט דערציילט, אז ס׳האָבן אים גענומען אין געפענקעניש סאָלדאטן, וואָס זײַנען געווען געשיקט אײַנצושטילן די צעבונטעוועטע פויערים.

אף דעם פוס איז בא אים געווען א גראָב קלעצל, די הענט פארשמידט אין קייטן. ער האָט געוווסט, אז מע וועט אים אראָפּהאקן דעם קאָפּ, נאָר לי־סינען האָט ער געזאָגט:

— מיך פארדריסט א האָר ניט, וואָס כ׳בין אוועק צו די אופשטענדלער. מיך פארדריסט נאָר מײַן געזינד. איך ווייס ניט, וווהין איז אהינגעקומען מײַן פרוי און מײַן קינד. איך האָב זיי ניט געזען פון זינט איך בין אנטלאָפן פון דאָרף. און לויפן האָב איך געמוזט, ווײַל כ׳האָב זיך געהאט צעשלאָגן מיט די באאמטע, וואָס זײַנען געקומען מײַן לעצטן האָב און גוטס פארנעמען. איך בין צוגעשטאנען צו א מאכנע אופשטענדלער און אָפּגעווען בא זיי גאנצע פיר וואָכן, און דאָרטן האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן מיר געגעבן צו פארשטיין, פארוואָס מיר, אָרעמעלײַט, הונגערן אזוי, כאָטש מיר ארבעטן פון פרי ביז נאכט. ווען אין אָט אזוינע מאכנעס וועלן זײַן אסאך דרייסטע און שטארקע מענטשן, וועלן מיר פארטרײַבן די גענעראלן און די גוטבאזיצערס — די לידיקגייער.

איינמאָל באנאכט האָט לי־סינג א פרעג געטאָן אפן אויער בא זײַן פארקאָוועטן שאָכן:

— זאָג וגיר, וואָס פאר א וועג פירט צו דער מאכנע?

— אזא וועג איז ניט פאראן, — האָט געענטפערט דער אופשטענדלער. — די מאכנע איז הײַנט דאָ, און מאָרגן איז זי דאָרט, נאָר מע קען זי געפינען. ס׳איז ניט שווער. אז דו וועסט גיין אלץ טיפער און טיפער אין וואלד, אז דו וועסט גיין אין די בערג — וועסטו געפינען. די מאכנעס זײַנען פאראן אומעטום. עס קען אפילע זײַן, אז די אופשטענדלער וועלן קומען אויך אהערצו.

— וווהין וועלן זיי קומען, אין שטאָט? — האָט זיך געוווּנדערט לי־סינג.

— יאָ, אינ שטאָט. מיט איניקע טעג צוריק האָט די שטאָט זיכ קאָמ אָפּגעוועהרט פונעמ אָנגריפ פונ אונדזערע מאכנעס. דו מיינסט, אז די הריכע ווענט וועלנ עפּעס העלפנ דער מאכט? ניינ. דאָ אינ שטאָט האָבנ די אופשטענדלער אסאכ פריינט. ווי נאָר די מאכנעס וועלנ צוגיינ נאָענט צו די ווענט, וועלנ זיכ אונדזערע פריינט א הייב געבנ אונ עפענענ די טויערנ. אפילע צווישנ די גענעראלישע סאָלדאטנ זיינענ פאראנ אסאכ, וואָס וועלנ אוועק צו די אופשטענדלער.

אינ אָט דער נאכט האָט לי־סינ באשטימט, אז ער וועט אוועק צו א מאכנע. ס'קענ זיינ, אז ס'וועט זיכ אימ איינגעבנ אריינצופאלנ אינ א מאכנע, ווו ס'געפינט זיכ דאָ־די. מע וועט אימ געבנ א ביקס אונ ער וועט העלפנ נעמענ די שטאָט. נאָר פריער פאר אלצ דארפ מענ ארויס פונ דער טורמע. נאָר צי דענ איז עס מעגלעכ? אָט באלד וועט מענ אימ ארויספירנ אפנ פלאצ אונ מע וועט אימ אראָפּהאקנ דעמ קאָפּ. וועט ער שוינ קיינמאָל ניט זענ דאָ־די אונ וועט שוינ ניט וויסנ, צי די פויערימ־אופשטענדלער וועלנ איינעמענ די שטאָט, צי ניט.

XI

איינ מאָל אינ טאָג פלעג מענ די ארעסטירטע ברענגענ עסנ — א קווערטל וואסערדיקנ ניט געשמאקנ זופּ אונ א הייפל ביסערנ, אונטערגענעצטנ רייז.

אינ די כינעזישע טפיסעס גיט מענ א שלעכטנ פאיאָק. צוליב וואָס דארפנ זיי עס האָדעווענ די ארעסטאנטנ! שטארבט עמעצער, נו, איז אנ עק. אניט לוינט דענ האָבנ צו טונ מיט א מענטשנ, וואָס סייווי וועט ער זיינ קאָפּ אוועקלייגנ אפנ פלאצ אָדער ער וועט צעפוילט ווערנ אפ דער טורמע־שטרוי.

דער טורמע־שעפ אונ די אופזעער פלעגנ זיכ נאָכ קליגנ אראָפּצוגאנווענענ פונ אָט דעמ קארגנ ארעסטאנטישנ פאיאָק.

פאר אָט די פיר טעג האָט זיכ לי־סינ גוט אויסגעהונגערט כאָטש ווענ ער איז געווענ פריי, איז ער אויכ געווינט געווענ צו הונגערנ.

אפן פינפטן טאָג האָט ער מיט אומגעדולד געוואַרט עס זאָל זיך שוין עפענען די טיר און צוויי וועכטער זאָלן שוין אַרײַנטראָגן דעם וואַרמעס.

עס איז שוין לאַנג אַריבער די צײַט פון עסן געבן, און די טיר האָט זיך נאָך אַלץ ניט געעפנט. לײ־סינען האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אין טורמע איז הײַנט שטילער ווי שטענדיק. פאַרן גאַנצן טאָג האָט מען נאָר איין מאָל צעעפנט די טיר און מע האָט נאָך צוויי אַרעסטאַנטן אַרײַנגעשטופּט אין דער דומפּיקער קאַמערע.

פאַרן גאַנצן טאָג האָט מען קיינעם ניט אַוועקגעפירט אַפן פּלאַץ צו קעפּן. נאָר אָט האָט זיך איינער צעשריִען: „ווען וועט מען שוין געבן עסן? אָט פאַרפלוכטע! זיי ווילן, מיר זאָלן פון הונגער אויסגיין!"

און אַזוי ווי מע וואָלט זיך געהאַט צונויפגערעדט, האָט זיך די גאַנצע קאַמערע אַ ריר געטאָן פון אָרט. צוויי פאַרקאָוועטע אין קייטן האָבן גענומען קלאַפּן אין טיר. אין אַלע ווינקלען פון קאַמערע האָט מען זיך צעקלונגען מיט די קייטן. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ געשריי און אין טיר האָבן גענומען קלאַפּן פינף־זעקס מענטשן.

די הונגעריקע מענטשן האָבן זיך ניט באַרויִקט. עמעצער האָט אַרויסגעריסן פון אַ נאַרע אַ ברעט און די ניט פאַרקאָוועטע אַרעסטאַנטן האָבן געקלאַפּט מיט איר אין דער טיר, ווי מיט אַ טאַראַן.

אַן אַרעסטאַנט, וואָס איז געווען פאַרמישפּעט צום טויט, האָט אַוועקגעפּויזעט צום שוועל און מיט דעם שווערן קלעצל געקלאַפּט אין דער פאַרקאָוועטער טיר, ניט געקוקט אַף דעם, וואָס ער האָט קאַם באַוועגט מיט די הענט. דער ווייטעק איז געווען אומדערטרעגלעך.

זיצנדיק אַף די נאַרעס און אַפן דיל, האָבן די מענטשן מיט פאַרמאַכטע אויגן געוויעט, זיך געוויגט פון איין זײַט אַף דער צווייטער, איבערײַסנדיק דעם געוויי מיט ווילדע, גאָרגלדיקע געשרייען.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די טורמע איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גענעם.

לי־סינ האט אליינ אויכ גענומענ קלאפנ אונ שרײַענ אונ זיכ צוהערנ צום ווילדנ געוווי.

נאר פלוצים, אינ מאמענט, ווענ דער טומל איז דערגאנ־גענ צו דער העכסטער מאדרייגע, האט זיכ לי־סינענ אויסגע־דוכט, אז הינטער דער וואנט קײַקלענ זיכ דונערנ. ער האט זיכ גוט אײַנגעהערט. די דונערנ האבנ זיכ איבערגעכאזערט. דע־מאלט האט זיכ לי־סינ צעשריענ מיט וויפל קויכעס ער האט נאר געהאט:

— שטילער, שטילער!..

נאר די ארעסטאנטנ האבנ זיכ צו אימ ניט צוגעהערט. זיי האבנ געשריענ, געוויעט, געוואלט מע זאל שוינ צעעפענענ די טיר אונ ארײַנטראגנ דאס עסנ.

לי־סינ האט צוגעלייגט אנ אויער צו דער וואנט, אונ ס׳האט זיכ אימ געדוכט, אז די גראבע וואנט האט א ציטער געטאנ, גלײַכ מע וואלט דערלאנגענ איבער איר מיט א ריזיקנ, שווערנ האמער.

ערגעצ הינטער דער וואנט האבנ זיכ דערהערט שארפע קלאנ־גענ, ענלעכע אפ ביקס־שאסנ; דעמאלט איז ער אופגעשפרונגענ אפ די פיס אונ גענומענ שרײַענ וויפל נאר ער האט געקענט:

— שטילער, שווײַגט!

ענדלעכ האבנ די נאענטסטע שכיינים זײַנע דערהערט זײַנ רופ אונ אנטשוויגנ געווארנ.

— הערט זיכ צו!—האט צום לעצטנ מאל א געשריי געטאנ לי־סינ.

אונ ווי אנ ענטפער אפ זײַנ געשריי, איז א שווערער געהילכ אדורכ איבער דער טורמע, גלײַכ ווי עמעצער וואלט מיט א רי־זיק שטארקער האנט געטרייסלט די שווערע שטיינערנע געבײַדע.

אונ נאכ אט דעם האט זיכ דערהערט א נאענטע, גאר א נאענטע שיסערײַ פונ ביקסנ. ס׳האט זיכ געדוכט, אז דאס שי־סערײַ גייט בא דער סאמע וואנט פונ טורמע.

איצט האבנ די ארעסטאנטנ געשוויגנ, סטארענדיק זיכ צו פארשטיינ וואס קומט דא פאר.

ווענ דאס געהילכ אונ דאס שיסנ האט אופגעהערט, האט דער פארורטיילטער צום טויט אופשטענדלער א זאג געטאנ:

— דאָס שיסט מען פון קאַנאָנען.

— און ס'קאָן זײַן, אז עס איז א דונער,—האָט זיך אָנגערופן א צווייטער.

— ניין, ניין, פון קאַנאָנען,—איז געווען זיכער דער אויפ־שטענדלער,—און אָט הערט מען אויך ביקס־שאָסן.

— וואָס הייסט דאָס?—האָט א פרעג געטאָן לייסין.

— עפשער שלאָגן זיך ווידער די גענעראַלן צווישן זיך?

— ס'קאָן זײַן, אז די פויערים נעמען אײַן די שטאָט,—האָט געזאָגט דער אופשטענדלער.

— נאָר די פויערים האָבן דאָך קיין קאַנאָנען ניט.

— פון די קאַנאָנען שיסן די סאָלדאַטן.

איצט האָט מען שוין מער ניט געהערט דעם דונער־געהילך, נאָר אַן אָפטער שרויט פון די ביקס־שאָסן האָט זיך צעטראָגן אַלץ נעענטער און נעענטער.

— אַלציינס, זאָל זיך דאָרט שלאָגן ווער מיט וועמען בייט, נאָר עסן דאַרפן מיר... לאָמיר קלאַפּן אין טיר, זאָל מען איינ־ברענגען עסן.

— מע דאַרף ניט קלאַפּן,—האָט זיך אָנגערופן עפּעס אַן אַל־טער.—אויב אין שטאָט גייט איצט א געשלעג, קאָנען אָנקומען די וועכטער און אונדז אַלעמען צעהאַרגענען.

פּלוצים האָבן זיך אין דער טורמע־טיר דערהערט קלעפּ פון אויסן.

אין קאַזעמאַט איז געוואָרן שטיל, שטיל. אַלע האָבן זיך צו־געריקט נאָענט צו דער טיר און געקוקט אַף איר מיט אָנגע־שטרענגטן וואַרטן.

לעסאָף איז דער שלאָס געווען אַראָפּגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך צעפּראַלט און מענטשן אין דאָרפישע קליידער האָבן זיך אַרײַנגעריסן אין קאַמערע. אין די הענט האָבן זיי געהאַלטן העק, ביקסן, מעסערס, לאַנגע פּיקעס. די פינצטערניש האָט זיי געשטערט פרײַ צו באַוועגן זיך. איינער האָט זיך פאַרטשעפּעט און שיִר ניט אומגעפאַלן אַף דעם פאַרמישפּעטן אופשטענד־לער, נאָר ער האָט זיך באַלד אויסגעגלײַכט און א געשריי גע־טאָן:

— ווער זײַנט איר, פאר וואָס?

אלס ענטפער האָט זיך דערהערט א וויטעקדיקער געוויי.

— שטילער! — האָט א קאָמאנדעווע געטאָנ דער אָנגעקומענער. — דערלאנגט שײַנ!

באלד האָבנ שוינ צוויי פאקעלנ געפלאקערט אינעם פינצטערנ קאזעמאט.

— דו ביסט ווער? — האָט דער אָנגעקומענער א פרעג געטאָנ בא דעם פארורטײַלטנ אופשטענדלער.

— זאָג פריער, ווער דו ביסט, — האָט געענטפערט דער אופשטענדלער.

— איכ בינ אנ אופשטענדלער — א רויטער סאָלדאט. מיר האָבנ גענומענ די שטאָט. איצט זאָג, ווער דו ביסט?

די ארעסטירטע האָבנ אָנגערופנ זייערע נעמענ און דערציילט וועגנ זייערע פארברעכנס.

לי־סינ האָט באמערקט, אז קיינער פונ זיי האָט ניט פארבאהאלטנ און ניט פארביטנ זײַנ שולד. אפילע דער אלטער, וואָס האָט געהארגעט דעם שאָכנ, האָט אויכ געזאָגט דעם עמעס.

אינ עטלעכע מינוט האָט שוינ אינ דער קאמערע געקאָכט די ארבעט.

מיט העק, מיט מעסערס און פיקעס האָט מענ צעקלאפט די קלעצער און אראָפגענומענ די אײַזערנע קייטנ.

לי־סינ איז ארויס פונ טורמע איינער פונ די לעצטע.

אנ אָוונטיקער הימל האָט שוינ געניטערט איבער דער טורמע, און גרויסע שטערנ, ווי זילבערנע טראָפנס, האָבנ געבלישטשעט אינ דער בלויער טיפ.

XII

— מיר האָבנ געטריבנ פונ שטאָט די גואנסיער גענעראלנ און באאמטע. אלע, וואָס האָבנ פארגאָסנ דאָס בלוט פונעם פאָלק, זײַנענ אנטלאָפנ פונ שטאָט, ווי פארסאמטע מײַז. איצט יאָגנ מיר זיי נאָכ. הע, זאָלנ זיי לויפנ. זיי ליגנ אונדז איצט אינ קאָפ ניט. דאָ בא אונדז אינ שטאָט וועלנ מיר אָרגאניזירנ א ראטנמאכט, ווי מע האָט עס געטאָנ אינ לונטשאָו און אינ אנדערע ערטער.

אזוי האָט מיט א שטארקנ קאָל גערעדט א מאנ מיט א געגאָלטנ פאָנעם און אָפגעגאָלטנ קאָפ. ער איז געשטאנענ אפ א קעסטל אינמיטנ מארק־פלאצ. ארומ אימ האָבנ געפלאקערט פאקעלנ. א גרויסער האמוינ מענטשנ זײַנענ געשטאנענ ארומ דעמ רעדנער אונ אופמערקזאמ אײַנגעהערט זיכ אינ יעדנ וואָרט זײַנעמ.

אינעמ האמוינ זײַנענ געווענ אסאכ באוואָפנטע מענטשנ אינ דאָרפישע קליידער. נאָר עס זײַנענ אויכ געווענ אסאכ עמעסע סאָלדאטנ. אנשטאָט די געוויינלעכע קאָקארדעס האָבנ איצט אפ זייערע היטלענ געשײַנט גרויסע פינפקאנטיקע שטערנס.

אינמיטנ פלאצ האָט זיכ דאָס פאָלק צוזאמענגעשטופט אינ איינ קופע. בא די זײַטנ זײַנענ ארומגעגאנגענ גרופעס מיליטער־לײַט. מיט א מיליטערישנ טראָט האָט ארומגעשפאנט דער פאטרול. אונטער א פויק־געקלאפערײַ האָבנ מארשירט די פוסגייער־מאכנעס. גרופעס סאָלדאטנ אָדער פויערימ־פארטיזאנער האָבנ געהיט די ארעסטירטע.

די ארעסטאנטנ זײַנענ שוינ ניט געווענ ענלעכ אפ די פריערדיקע. דאָס זײַנענ געווענ מענטשנ מיט נעמענ. דאָס זײַנענ געווענ די נעכטיקע עלטסטע אונ גווירימ,—די נײַע מאכט האָט זיי גערופנ צומ פארהער.

לי־סינ איז ארומגעגאנגענ צווישנ האמוינ, זיכ צוגעהערט צו דעמ, וואָס האָבנ גערעדט די רעדנערס אונ מיט פארווונדערונג געקוקט אפ די ארעסטירטע רײַכע לײַט. בא אייניקע פונ זיי האָט ער ניט לאנג געארבעט. זיי פלעגנ אימ צווווארפנ די עטלעכע קופערנע מאטבייעס. לי־סינ האָט זיכ צוגעהערט צו די געשפרעכנ פונ די פויערימ אונ מיליטער־לײַט, האָט אונטערגעכאפט צופעליקע ווערטער, שטיקער געשפרעכנ אונ האָט אזוי ביסלעכווײַז פארשטאנענ וואָס עס איז געשענ אינ שטאָט. עס לאָזט זיכ אויס, אז די פויערימ־אופשטענדלער צוזאמענ מיט די רויטע טיילנ, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ פונ לונטזשאָו, האָבנ פארכאפט די שטאָט.

אינ לונטזשאָו האָט שוינ לאנג געבאלעבאטעוועט דער גענעראל יוי־צזאָ־בא, א לינקער גאָמינדאנאָוועצ, וואָס איז ניט

מאַסקים געווען מיט טשאַנ־סײַ־שי און מיט נאָך אַזוינע גענע־
ראַלן, וואָס האָבן פאַראַטן די רעוואָלוציע אין 1927 יאָר.

ער איז ניט אַריבער אַף דער זײַט פון די גאָמינדאַנאָווצעס,
די קאָנטר־רעוואָליוציאָנערן, וואָס האָבן זיך דערשראָקן פאַר
דער פריערשער רעוואָליוציע און האָבן געקעמפט הונדערטער
אַרבעטער און פּויערים. נאָר צו די רויטע איז ער אויך ניט
אַריבער אפילו אין 1929—30 יאָר, ווען גאַנץ דאָרעם־כינע איז
געווען אַרומגעכאַפּט מיט אַ פלאַם פון דער ערשטע רעוואָליוציעס.

יוי־צזאָ־באָ האָט זיך געוואַקלט, נאָר זײַנע סאָלדאַטן האָבן
זיך ניט געוואַקלט. אין די פּאָלקן בא יוי־צזאָ־באָ האָבן גע־
אַרבעט צענדליקער יונגע קאָמוניסטן, וואָס זײַנען אַרײַנגע־
טראָטן אין דער פּאַרטיי נאָך אין דער צײַט פון צאָפּן־מאַרש [1])
און האָבן געטכוימט פון אַ נײַעם ריזיקן מאַרש פון דאָרעם־
דיקן כינעזישן יאַם ביז יאַנצזי־צזיאַן און ביז די פּעקינער
ווענט. נאָר איצט שוין ניט אונטער דער פאָן פון גאָמינדאַן,
נאָר אונטער דער רויטער פאָן פון דער קאָמפּאַרטיי.

אין שפּיץ פון אָט די קאָמוניסטן איז געשטאַנען יוי־צזאָ־יוי,
יוי־צזאָ־באָס אַ לײַבלעכער ברודער.

אין 1929 יאָר האָט דער גענעראַל יוי־צזאָ־באָ פאַרלאָזן
לונטזשאָו און אוועקגעפאָרן אַף צאָפּן.

זײַן מיליטער האָט זיך איבערגעפאָרמירט און האָט זיך פאַר־
וואַנדלט אין מאַכנעס פון דער רויטער אַרמיי. אַזויאַרום איז
די גרויסע שטאָט לונטזשאָו, וואָס ליגט אַפן סאַמע גרענעץ
פון אינדאָקיטײַ, אַרײַן אין די הענט פון דער רעוואָליוציאָנע־
רער רויטער אַרמיי. און אַרום, אַף 20—30 פּראָווינצן, אַף אַ טע־
ריטאָריע, וואָס איז גרעסער פון אַסאַך אייראָפּעיִשע מעלוכעס,
זײַנען אַלע שטעט און דערפער פאַרכאַפּט געוואָרן דורך די
רויטע פּויערים־אופשטענדלער.

נאָר די צאָפּנדיקע קרײַזן פון דער גואַנסיער פּראָווינץ האָבן
זיך געפונען אין די הענט פון די כינעזישע קאָנטר־רעוואָלי־
ציאָנערע גענעראַלן.

---

1) צאָפּן־מאַרש הייסט דער מאַרש פון די קאַנטאָנער אַרמייען קעגן די מיליטאַריסטן פון מיטלסטער און צאָפּנדיקער כינע.

אָט וועגנ דעמ אלעמ האָט לי־סינ זיכ דערוווּסט פונעמ אָראטער, וואָס האָט דערציילט וועגנ דעמ גענעראל יוי־צזאָ־באָ אונ וועגנ זײַנ ברודער דעמ קאָמוניסט — די קוליס וואָס האָבנ זיכ פארזאמלט בא דער שײַנ פונ די פאקעלנ לעבנ דער שטאָט־וואנט.

לי־סינ איז אײנ מאָל געוועג אינ לונדזשאָ. ער האָט זיכ פארדונגענ בא אײנעמ א רײַכנ סויכער אפ אָפטראָגנ אינ שטאָט ארײַנ שווערע פעק. — עטלעכע טעג נאָכאנאנד זײַנענ די קוליס געגאנגענ איבער דעמ ניט באקוועמענ שווערנ וועג.

ווענ לי־סינ איז געקומענ אינ לונטזשאָו, האָט ער זיכ גלײַכ א וואלגער געטאָנ ערגעצ אינ אנ ארײַנפאָר־הויז אונ ווי א געהארגעטער אָפגעשלאָפנ א גאנצע נאכט.

אונ אפ מאָרגנ איז ער ווידער געגאנגענ מיט א נאָכ שווערערער לאסט צוריק אינ זײַנ אײגענער שטאָט.

לי־סינ האָט טאקע ניט באקוקט די שטאָט לונטזשאָו. ער געדענקט מער ניט, אז ארומ אונ ארומ דער שטאָט האָבנ זיכ געהויכט ווענט, נאָכ העכער פאר די ווענט אינ זײַנ אײגענער שטאָט. אָט די, וואָס האָבנ געקענט פארכאפנ אזא גרויסע, וויכטיקע שטאָט, זײַנענ שטארק אונ קענענ זיכ ספראווענ מיט ווע־מענ נאָר זיי ווילנ — אזוי האָט געקלערט לי־סינ.

גײענדיק איבערנ מארק־פלאצ, האָט לי־סינ דערזענ, אז אינ א ווינקל צווישנ די געבײַדעס אונ דער וואנט שטײט א מילי־טערישע טײל. די וואכ־לײַט האָבנ ניט דורכגעלאָזט די דורכגײער.

מ׳האָט געהערט, ווי פערד הירזשענ אינ דער פינצטער, ווי זײ קלאפנ מיט די צײמלעכ, אונ מ׳האָט געקענט באמערקנ, ווי סאָלדאטנ דרײענ זיכ ארומ לעבנ צוויי גרויסע הארמאטנ.

— וועמעס הארמאטנ איז דאָס? — האָט בא אײנעמ א וועכטער א פרעג געטאָנ לי־סינ.

דער וועכטער האָט געענטפערט:

— גײ דורכ, באווער.

נאָר אינ זײַנ שטימ איז ניט געווענ ניט קײנ בײזקײַט, ניט קײנ קאס.

— דאָס זײַנענ הארמאטנ פונ דער רויטער ארמיי, וואָס האָט פארכאפט די שטאָט, — האָט לי־סינענ געזאָגט אנ ארבעטער, וואָס איז דערבײַ געשטאנענ.

לי־סינ האָט געוואָלט פארגעבנ דעמ ארבעטער נאָכ עפעס א פראגע, נאָר אינ דער מינוט האָט אימ־עמעצער א שטויס געטאָנ אינ זײַט ארײַנ.

לי־סינ האָט זיכ אומגעקוקט.

אפ אימ האָט געקוקט דאָ־דיס שמייכלענדיק פּאָנעמ.

בא דאָ־די איז געוועזנ פארהיננדעט די האנט. א קויטיקע שמאטקע פארפלעקט מיט בלוט האָט, איבערנ האלדז איבערגעוואָרפנ, אונטערגעהאלטנ זײַנ האנט. דאָ־די איז געוועזנ אָנגעטאָנ אינ געוויינלעכנ פויערשנ אָנטאָנ, נאָר אפנ ברוסט איז בא אימ געווענ אָנגעניײט א גרויסער רויטער שטערנ.

— קומ מיט מיר, — האָט דאָ־די געזאָגט.

אונ לי־סינ איז אוועק מיט אימ. זיי האָבנ פארקערעוועט אינ א פינצטערער גאס.

XIII

בא די טויערנ פונ ניט קיינ הויכער, גרויער וואנט האָט זיכ געשטופט אנ אוילעמ. די טויערנ זײַנענ געווענ צעפּראלט. אפ זיי האָט געפלאטערט א גרויסע רויטע פאָנ.

דאָ־די איז דורכגעגאנ דעמ טויער אזוי רויק, ווי ער וואָלט ארײַנ אינ זײַנ אייגענער שטוב. לי־סינ האָט זיכ ניט ווילנדיק אָפּגעהאלטנ באמ ארײַנגאנג — ער האָט גוט געוווּסט אָט די טויערנ.

פריער, ווענ ער פלעג גיינ איבער אָט דער גאס, פלעג ער זיכ שטענדיק סטארענ אָפּצוקערעווענ אינ א זײַט, בעסער וואָלט געווענ, ווענ ער וואָלט אהערצו גאָרניט געווענ געגאנגענ.

אָט דאָ ניט לאנג, מיט עטלעכע טעג צוריק פאר דעמ, ווי מע האָט לי־סינענ ארעסטירט, האָבנ אפ אָט די טויערנ געפלאטערט די כינעזישע נאציאָנאלע פאָנענ אונ באמ ארײַנגאנג פונ די טויערנ זײַנענ טאָג אונ נאכט געשטאנענ צוויי וועכטער מיט ביקסנ.

ווענ־ניט־ווענ פלעגנ זיכ די טויערנ ברייט צעעפענענ אונ עס פלעג ארויספאָרנ דער שטאָט־שעפ מיט זײַנ גאנצער סוויטע, אונ פאר די אָרעמעלײַט האָט הינטער אָט די טויערנ געוואָרט —

אומגליק. מע פלעג זײ אהינצו פירנ, קעדײ זיך אָפּרעכענענ מיט זײ, אָדער זײ אלײנ פלעגנ זיך קומענ קלאָגנ אפ זײער ביטערער נויט. אָבער עס איז דאָך באַוויסט, אז דער כינעזישער באאמטער איז שרעקלעכ סײַ פאר דעמ גערעכטנ אונ סײַ פארנ אומגערעכטנ. ער קריגט ניט קײנ געהאלט, ער לעבט אפנ כעזשבנ פונ כאבאר אונ שטײַערנ. פאר דעמ אָרעמענ קולי איז א מוירע ארײַנצופאלנ אינ די הענט צו באאמטע.

הינטער אָט די טויערנ האָט זיך פריִער געפונענ דער יאמינ [1]). דאָ פלעגנ זיצנ די שטאָט־מאכט, וואָס האָט געבאלעבאטעוועט איבער דער באפעלקערונג. אָט אהערצו פלעג מענ צונויפזאמלענ אלע שטײַערנ. דאָ פלעג מענ ארויסגעבנ באפעלנ אונ איזדעקעווענ זיך איבער אלע אָרעמע. אָט דאָ פלעג מענ אראָפּהאקנ די קעפּ בא די ווידערשפּעניקע.

ווענ דאָאָ־די איז ארײַנ אינ הויפ, האָט ער זיך ארויסגעדרײט אונ א ווונק געטאָנ מיט דער האנט לי־סינענ. לי־סינ איז מיט ניט קײנ דרײסטנ טראָט ארײַנ אינ הויפ.

דער פירקאנטיקער הויפ איז געווענ ארויסגעברוקירט מיט שטײנער, אינ די ווינקלענ איז געוואָקסנ גראָז. א ברײטע ארויסגעטראָטענע סטעזשקע האָט געפירט צו ניט קײנ גרויסער געבײַדע, ווו ס׳האָבנ פריִער געוווינט די באאמטע.

דער גאנצער הויפ איז געווענ פול מיט אוילעמ. באוואָפנטע מענטשנ האָבנ געהאלטנ אינ אײנ ארויסגײנ אונ ארײַנגײנ פונ די צעעפנטע טירנ, אײַליק געגאנגענ אויספילנ די באפעלנ פונ דער נײַער מאכט.

די אָרעמע פויערימ אונ אָרעמע בירגער האָבנ נײַגעריק געקוקט אפ די ארײַנגײענדיקע אינ דער געבײַדע אונ אפ די ארויסגײענדיקע פונ דאָרטנ אונ האָבנ זיך געשושקעט.

באמ ארײַנגאנג האָבנ געברענט סמאָלע־פאקעלנ, אזוי אז די שאָטנס פונ די מענטשנ, וואָס פלעגנ גײנ איבערנ הויפ, פלעגנ ארומשפּרינגענ, ווי ריזיקע כײַעס, וואָס האָבנ זיך ארויסגעריסנ פונ די פינצטערע הויפ־ווינקלענ.

---

1) יאמינ — א געבײַדע, אינ וועלכער ס׳געפינענ זיך בעריכט־אנשטאלטנ.

דאָ־די איז דורכגעגאנגענ דעם גאנצנ הויפ אונ איז מיט זיכער־קײט אריַינ אינ דער געביַידע. דער באוואָפנטער מענטש, וואָס איז געשטאנענ בא׳ דער סאמע טיר, האָט דורכגעלאָזט דאָ־די אונ לי־סינענ, וואָס איז אים נאָכגעגאנגענ.

לי־סינענ האָט זיכ גערוכט, אז דאָ־די האָט עפּעס א זאָג געטאָנ דעם וועכטער אפנ אויער.

אינעם גרויסנ זאל האָבנ געברענט צוויי טונקעלע לאָמפּנ אונ בא זייער טונקעלער שײַנ האָט לי־סינ דערזענ אסאכ מענטשנ, וואָס זיַינענ געזעסנ ארומ א לאנגנ טיש אונ אפ בענק ארומ די ווענט פונ זאל.

דאָ־די איז מיט א שטילנ טראָט צוגעגאנגענ צומ וויַיטסטנ ווינקל פונעמ צימער. לי־סינ איז אים נאָכגעגאנגענ מיט אומ־זיכערע טריט.

— הער זיכ צו,— האָט אים א זאָג געטאָנ דאָ־די.

די מענטשנ, וואָס זיַינענ געזעסנ באַם טיש, האָבנ גערעדט לויט דער ריי, די אלטע איבעריקע האָבנ זיכ צוגעהערט.

— אָט באלד וועט רעדנ יוי־צזאָ־יוי — דער קאָמאנדיר פונ די רויטע מאכנעס,— האָט אים א שעפּטשע געטאָנ דאָ־די.

„כאווײרים,— האָט אָנגעהויבנ זיַינ רעדע א יונגער כי־נעזער אינ מיליטערישנ אָנטאָנ,— מיר האָבנ אָפּגענומענ בא די גענעראלנ אונ באאמטע אונדזער אייגענע שטאָט קעדיי איַינ־צושטעלנ דאָ די ראטנמאכט. די ראטנמאכט וועלנ מיר איַינ־שטעלנ איבער גאנצ כינע, קעדיי דער ארבעטער, פויער אונ האנטווערקער זאָל אָנפירנ מיטנ לאנד אונ זאָל פאר זיכ אליינ איַינשטעלנ געזעצנ. נאָר, כאווײרים, אונדזערע רויטארמײישע טײלנ דארפנ לאנג ניט בליַיבנ אינ אונדזער שטאָט. מיר וועלנ וויַיטער גײנ אויסקעמפנ בא די סאָנים פונ די ארבעטער אונ פויערים אנדערע שטעט, אנדערע פּראָווינצנ. איר וועט שוינ איצט אליינ דארפנ פארטיידיקנ איַיער שטאָט, אויב ס׳וועלנ אפ איר אָנפאלנ פיַינט. איר אליינ וועט באדארפנ אָרגאניזירנ די ראטנמאכט. מיר וועלנ איבערלאָזנ אינ שטאָט ניט קײנ גרויסע מיליטערישע טײל אונ עטלעכע געניטע כאווײרימ, וואָס

וועלנ אײַכ העלפנ אָרגאַניזירנ די שטאָט־מיליציע און לערנענ אײַכ, וויאַזוי צו אָנפירנ מיט דער שטאָט און מיטנ קרײַז.

מײנט ניט, כאַווײרימ, אַז איצט, ווענ די שטאָט איז אינ אײַערע הענט, דאַרפט איר זיכ וועגנ גאָרניט ניט זאָרגנ. די גענעראַלנ וועלנ זיכ אַ סטאַרקע טונ באַנײַמ נעמענ די שטאָט. מיר האָבנ שוינ איצט ידיעות, אַז צו אונדז אינ שטאָט רוקנ זיכ פונ צאָפנ שטאַרקע כאַיאָלעס פונ די וואַנסיִער גענעראַלנ. אויב ס׳וועט זיכ זײ ווידער אײַנגעבנ צו פאַרכאַפנ די שטאָט אינ זײערע הענט, וועלנ זײ אַ העלפט פונ דער שטאָטישער אָרעמקײַט אַרײַנוואַרפנ אינ די טורמעס סײַ די אָנטײלנעמער פונעמ אופשטאַנד און סײַ די, וואָס האָבנ קײנמאָל ניט גענומענ קײנ אָנטײל אינ קײנ שומ אופשטאַנד. באַ הונדערטער אומשולדיקע מענטשנ וועלנ זײ די קעפ אַראָפּהאַקנ. צו דעמ טאָרנ מיר ניט דערלאָזנ. די רויטע אַרמײ און די אופשטענדלער־מאַכנעס וועלנ באַהיטנ די שטאָט פונ די גענעראַלנ. מיר וועלנ אײַכ העלפנ זיגנ, נאָר ביטנײַ, אַז איר וועט אונדז אויכ העלפנ. איר באַדאַרפט זיכ טײקעף אָרגאַניזירנ. מע דאַרפ שוינ אַרעסטירנ די אַלע, וואָס קענענ אופהײבנ אַ בונט אינ אונדזער אײגענער שטאָט. מע דאַרפ אַרעסטירנ אַלע גענעראַלנ, רײַכע, באַאַמטע און אָפיצערנ, וואָס האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ צו אַנטלויפנ. די סאָכרימ וועלנ מיר נאָכ דערווײַל ניט טשעפענ, נאָר ביטנײַ, אַז זײ וועלנ אונדז אַרײַנטראָגנ די נײטיקע סומע געלט אַפ אויסצוהאַלטנ אונדזער רויטע אַרמײ.

פונ די גרויסע סאָכרימ וועלנ מיר נעמענ צו 3000 דאָלער, פונ די מיטעלע—צו 2000 און פונ די קלענערע—צו 1000. די באַלעבאַטימ פונ די גרויסע וואַרשטאַטנ וועלנ אונדז אויכ דאַרפנ אַרײַנטראָגנ צו 500 דאָלער. דאָס איז אַפ דער ערשטער צײַט, און ווענ אינ שטאָט וועט זיכ שוינ אָרגאַניזירנ די ראַטנמאַכט, וועט זי שוינ אַלײנ אַרופלײגנ אָפּצאָלנ אַפ די קאַפּיטאַליסטנ. דערפאַר וועלנ די אַרבעטער באַפרײַט זײַנ פונ די שטײַערנ און פונ זײערע כויוועס צו די קאַפּיטאַליסטנ און אינ די לאָמבאַרדנ.

כוצדעם, דארפֿן מיר נעמען אפֿן דיסקאָנט אַלע זאַפּאַסן שפּײַז און אַנדערע נײטיקסטע סכוירעס.

מ׳דאַרף זען מאַכן אַזוי, אַז די אָרעמעלײַט, ד. ה. דער גרע־סטער טײל פֿון דער באַפֿעלקערונג, זאָלן אָנהייבן לעבן בעסער ווי זיי האָבן געלעבט ביז איצט. איר, באַוויירים, שטאָטישע בירגער און איבערהויפּט אַרבעטער, דאַרפֿט אָרגאַניזירן די פּויערישע אָרעמקײַט פֿון אונדזער קרײַז. מ׳דאַרף טייקעף אָפּנעמען די ערד בײַ די גוטסבאַזיצער און באַלעגופֿים. ווער ס׳באַאַרבעט די ערד, דער איז איר באַלעבאָס. א טײל פֿון דער גוטסבאַזיצערישער ערד וועט די ראַטנמאַכט צעטײלן צווישן דער דאָרפֿישער אָרעמקײַט״.

לאַנג האָט נאָך גערעדט דער יונגער רוויטאַרמייער. לײ־סין האָט געהערט, סטאַרענדיק זיך גאָרניט דורכצולאָזן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל אויף זײַן לעבן ניט געהערט אַזעלכע גוטע, גערעכטע ווערטער.

נאָך דעם רוויטאַרמייער האָבן גענומען ריידן די אָרטיקע אײַנוווינער. יעדערער פֿון זיי פֿלעג זיך אויפֿהייבן און זאָגן:

— איך בין א דעלעגאַט פֿונעם גלאָז־זאַוואָד.

— איך בין א דעלעגאַט פֿונעם רימער־וואַרשטאַט.

— איך בין א דעלעגאַט פֿון די שטאָטישע קוליס.

— איך בין א דעלעגאַט פֿון די אַרבעטער פֿון די פּאָרצעלײַ־וואַרשטאַטן — און נאָכדעם גערעדט וועגן זײַן מיינונג, וואָס ער האָט וועגן דער נײַער מאַכט, און וויאַזוי מע דאַרף זי אָרגאַניזירן און וואָס מע דאַרף טון. דערווײַל האָבן די בײַוועזנדיקע געקליבן פֿאָרשטייער אין דער מאַכט. מע האָט באַשטימט א ריכטער, א שעף פֿון דער שטאָט־מיליציע.

ס׳איז שוין געווען א שטיק אין דער נאַכט.

ווען דאָ־די און לי־סין זײַנען אַרויס אין גאַס, איז די גאַס, ניט געקוקט אויף דער שפּעטער שעה, געווען פֿול מיט מענטשן.

דאָ־די האָט באַוויזן מיט דער האַנט אויף מיזרעך, ווו דער הימל האָט שוין געהעלט, און געזאָגט:

— ס׳טאָגט שוין. ניט קיין גרינגע טעג גייען אויף אונדז. נאָר פֿונדעסטוועגן איז גוט, וואָס מיר האָבן געזיגט. אָך! לי־סין, ווען

דו האָלסט געזענ, וויאַזוי עס איז געלאָפנ דער געשעצטער לאַנ־ציאַנ—אונדזער שטאָט־שעפ. פאַר איינ שאָ צײַט איז פונ אים אָפּגעפאַלנ א גוטע פאָר פוד. ער איז אזוי דאַר געוואָרנ, אז איכ האָב א קלער געטאָנ: „סיוואָלט פונ אים ארויס א גוּ־טער יעגער נאָכ בארג־ציגנ".

דאָ־די האָט זיכ אזוי הילכיק צעלאַכט, אז די דורכגייער האָבנ זיכ אפ אים אומגעקוקט.

XIV

— איכ שווער זיכ בא אלצ, איכ שווער זיכ בא מײַנ טאַטנס קיווער, אז איכ בינ איצט אָרעם, ווי א פעלד־מויז. אמאָל בינ איכ געווענ רײַכ, נאָר דאָס איז שוינ געווענ לאַנג. די פאַרשאָל־טענע גאָמינדאַנער האָבנ צערויִנירט דאָס לאַנד. זילבער איז געפאַלנ אינ פרײַז. אסאַכ פירמעס האָבנ פאַר דער לעצטער צײַט געפּלאַצט. מיר האָבנ פאַרלאָרנ מער פונ אלעמענ, מיר זײַנענ אומגליקלעכ געוואָרנ. קומט צו מיר אינ קראָם, נעמט דאָרט צו אלצ, וואָס איר געפינט, נאָר איר וועט שוינ זענ, אז דאָרטנ איז שוינ קימאַט גאָרניט פאַראַנ. די לעצטע פאָט־ראַכעס.

— נעמט צו אלצ פונ מײַנ שטוב. איכ בינ אלצ גרייט אָפּצו־געבנ דעם פאָלק.

— אנטשטום ווער, דו געפאַרבטע סאָראָקע! גענוג שוינ מיט דײַנע שוווּעס. מיר וועלנ באַקוקנ דײַנ קלייט אונ מיר וועלנ זענ, צי דו ביסט עס טאַקע אזוי אָרעם, ווי דו מאַכסט עס אָפּ.

דער גראָבער סויכער איז מיט צעקנייטשטע קליידער אונ מיט א שמוציקנ, ניט ארומגעוואַשענעם פּנים געקראָכנ פאַר דאָ־די אפ אלע פיר. ער האָט מיט אלע קויכעס געוואָלט דער־ווײַזנ, אז די לעצטע געשעענישנ האָבנ אים געמאַכט פאַר אנ אָרע־מאַנ אונ, אז ער קאָנ ניט אײַנצאָלנ די 3 000 דאָלער אפ ארויס־צוהאַלטנ די רויטע ארמיי.

— אויב מע האָט דיכ טאַקע בעמעס אזוי צערויִנירט,—האָט פאָרגעזעצט דאָ־די,—אונ דו האָסט קיינ געלט ניט אפ אײַנצאָלנ דעם שטײַער אינגאַנצנ, וועלנ מיר דיר פאַרקלענערנ די סומע.

דער סיכער האָט גענומענ דאנקענ אונ קנעכטיש בוקנ זיכ פאַר דאָ־די.

דאָ־די איז געווענ באשטימט אלס פאַרזיצער פונ דער קאָמיסיע, וואָס האָט געקליבנ שטײַערנ בא די רײַכע. א גאנצנ טאָג

איז ער געווענ פאַרנומענ מיט אָט דער שווערער, נאָר וויכטי־קער ארבעט.

— גיט מיט אים, — האָט זיכ דאָ־די געווענדעט צו אנדערע צווי פאַרשטייער פונ דער קאָמיסיע, — אונ קוקט ארום זײַנ קליימ. נעמט מיט זיכ מיט מיליציאָנערנ, נאָר קוקט, ווי ס׳געהער צו

זײַן. מ׳דאַרף דערגײן, צי האָט ער ניט פֿאַרבאַהאַלטן זײַן גוטס פֿרעגט בײַ די שכנים, געפֿינט זײַנע פּריקאַשטשיקעס, עפּשער װײסן זײ.

דער סוחר איז אַװעק, באַגלײט פֿון די צװײ פֿאָרשטײער און מיליציאָנערן. דאָ־די האָט זיך גענומען צו פֿאַרהערן אַנדערע שטאָטישע גבֿירים, װאָס האָבן זיך אױך געסטאַרעט ניט צו צאָלן דעם שטײַער.

אין אַ שעה אַרום נאָך דעם, װי דער סוחר איז אַװעק, איז צו דאָ־די געקומען לי־סין, װאָס איז געװאָרן אַ מיליציאָנער און מיטגעהאָלפֿן דאָ־דיס קאָמיסיע. און אין צװײ שעה אַרום האָט זיך אומגעקערט דער סוחר — דער יוּװעליר.

— איר זעט, איך האָב אײַך ניט אָפּגענאַרט, — האָט נאָך אױפֿן שװעל אױסגעשריגן דער צופֿרידענער סוחר.

— נו, װאָס, איר האָט אַרומגעקוקט זײַן קראָם? — האָט דאָ־די אַ פֿרעג געטאָן בײַ די צװײ פֿאָרשטײער פֿון דער קאָמיסיע.

— יאָ, מיר האָבן אַרומגעקוקט די גאַנצע געבײַדע, שפּײַכלערס, בױדעמס, קעלערס און גאָרניט געפֿונען כּוץ קלײניקײַטן. אין קלײט געפֿינט זיך בײַ אים סחורה קאַם אױף אַ 1000 דאָלער.

— איך האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז דאָרט איז אַפֿילו ניט פֿאַראַן אױף 500. נאָר אַלץ, װאָס דאָרטן איז פֿאַראַן, גיב איך אָפּ פֿרײַװיליק. איך בין פֿאַרן פֿאָלק, ניט פֿאַר די גענעראַלן.

— אױב דו ביסט אַזױ אָרעם, איז אַזאַ ברײטהאַרציקײַט זײער פֿײַן פֿון דײַן זײַט, — האָט אַ זאָג געטאָן דאָ־די.

לי־סינען האָט זיך אױסגעדוכט פֿאַר באַקאַנט דעם סוחרס פּנים. ער איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן צימער און האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין זײַן צורה. קײן טעות האָט דאָ ניט געקענט זײַן. דאָס איז געװען יענער יוּװעליר, װאָס האָט אים געהײסן צו שלעפּן די שװערע פּעק מיט זילבער און אים באַצאָלט דערפֿאַר מיט עטלעכע קלײנע מאַטבײעס.

לי־סין האָט זיך אומגעקערט צו זײַן װינקל, און סטאַרענדיק זיך ניט צו באַװײַזן זײַן פּנים, האָט ער אױסגעשריגן:

— באַװער פֿאָרזיצער פֿון קאָמיסיע, צי געפֿינט איר ניט פֿאַר נײטיק צו זוכן ניט נאָר אין זײַן קראָם, נאָר אױך אין זײַן הױז

— ביטע, ביטע, מײַנ שמוציקע אומווירדיקע דירע וועט העכסט צופרידנ זײַנ, ווענ סיוועלנ זי באזוכנ אזוינע כאַשעווע, געערטע כאווירים,— האָט זיכ צעלאָזט דער סויכער.

— ארומקוקנ ניט נאָר די צימערנ...

— ביטע!— האָט געטײַנעט דער סויכער.

— אונ די בוידעמער...

— ביטע!

— אונ די שטאלנ...

— ביטע! ביטע!

— אונ די קעלערס...

— ביטע,— האָט שוינ אביסל אײַנגעהאלטענער א זאָג געטאָנ דער סויכער.

— אונ די דילנ אינ די קעלערס...

דער סויכער האָט שוינ מער ניט איבערגעכאזערט „ביטע". ער איז אַפּגעטראָטנ עטלעכע טריט צוריק אונ זיכ אופמערקזאם אײַנגעקוקט אינ לײ־סינען.

דערנאָכ האָט ער זיכ געווענדעט צו דאָ־די:

— איכ בעט אײַכ, טוט מיר א טויווע, קוקט בא מיר אלצ ארום, איר זאָלט אלע וויסנ, אז כ׳ביב ניט קײנ אָפּנארער.

דאָ־די האָט זיכ שארפ אײַנגעקוקט אינעם סויכערס פּאָנעם אונ געהײסנ דער וואכ אים דערווײַל ארויספירנ.

— לײ־סינ, דו ווײסט עפּעס וועגנ אים?— האָט אים א פרעג געטאָנ דאָ־די.

לײ־סינ האָט דערצײלט אלצ וועגנ דעם, וויאזוי ער האָט געשלעפּט באם רײַכנ סויכער אינ שטוב די שווערע קערב מיט זילבער.

— אויב אזוי, איז שפּאנ גלײַכ מיט די מיליציאָנערנ אונ מיט די פּאָרשטײערס פונ דער קאָמיסיע, אונ באווײַז זײ די קעלערס אינ וועלכע דער סויכער פארבאהאלט זײַנ האָב אונ גוטס.

לײ־סינ איז אוועק אויספילנ זײַנ פליכט.

XV

— איכ ווײס גאָרניט. כ׳פארשטײ עס ניט. ס׳איז דאָכ די זעלבע שטוב, דיזעלבע קעלערס אונ דאָס זילבער איז דאָרט

ניט פאראנ,—האָט פארלאָרנ שטיל א זאָג געטאָנ לי־סינ.—איכ האָב קײנ טאָעס ניט געהאט, נאָר דאָס זילבער האָב איכ דאַרפט ניט געפונענ.

— איצט האָט איר זיכ אינגאנצנ איבערצײַגט, אז איכ בינ ניט קײנ אָפנארער? געערטער הער.

— יאָ,—האָט א זאָג געטאָנ דאאָ־די,—דו ווערסט נאָר אָפצאָלנ 500 דאָלארנ—מיר וועלנ דיר פארלענגערנ דעם טערמינ. גײ!

דער סויכער האָט צוגעלײגט זײַנ האנט צום הארצנ אונ האָט זיכ נידעריק, נידעריק געבוקט פאַר דאאָ־די אונ איז באַלד גיכ ארויס פונ צימער.

— שלעכט, לי־סינ,—האָט א זאָג געטאָנ דאאָ־די,—דו ביסט טאַקע זיכער, אז דער סויכער האָט באהאלטנ זײַנ גוטס? סיקאָנ זײַנ, אז ער איז טאקע בעעמעס צערוינירט. אסאכ פירמעס האָבנ אינ שטאָט געפּלאצט פאר דער לעצטער צײַט.

— נײנ, כ'האָב קײנ טאָעס ניט, דאאָ־די!—איז געשטאנענ אפ זײַנס לי־סינ.—איכ האָב געשלעפּט צו אים אינ די קעלערס דאָס זילבער. אָט דאָ ניט לאנג איז דאָס געווענ.

— ווערסט שוינ איצט גאָרניט העלפנ,—האָט א זאָג געטאָנ דאאָ־די אונ איז צוגעטראָטנ צו פארהערנ די אנדערע סאָכרים.

XVI

א יונגע לעוואָנע האָט זיכ באוויזנ צווישנ די וואָלקנס, ווי א קרומער שארפער קלינג.

לי־סינ האָט געשפּרײַזט איבער די גאסנ, קײנ אָרט זיכ ניט געקענט געפינענ. ער האָט בעשומרים ניט געקענט פארשטײנ, ווּהינ האָט עס דער סויכער אהינגעטאָנ דאָס זילבער.

ער האָט ארײַנגעפירט אינ טאָעס די נײַע קאָמיסיע, וואָס איז געווענ אָרגאניזירט פונ דער נײַער מאכט. לי־סינ האָט פונ טיפנ הארצנ געשעצט די נײַע מאכט. אים האָט זיכ געדאכט, אז דאָס איז די סאמע בעסטע, סאמע גערעכטסטע מאכט, וואָס קענ נאָר זײַנ אפ דער וועלט. ער האָט געזעננ, אז די נײַע שטאָט־נאטשאלניקעס זײַנענ אינגאנצנ ניט ענלעכ אפ די פריערדיקע.

קײנער פונ זײ האט זיכ ניט באזעצט אינ די רײַכע הײַזער, קײנער פונ זײ האט ניט געראבעוועט, ניט געפאדערט קײנ כאבאר, ניט גענומענ אומזיסט קײנ סכוירעס אפנ מארק; סײַ דער פארזיצער פונ אויספירקאם, סײַ דער שעפ פונ מיליציע, סײַ די קאמאנדירנ פונ די רויטארמײיִשע טײלנ האבנ געווױנט אינ קאזארמעס אדער אינ יאמינ, געשלאפנ מערסטנטײל דארט גופע, ווו זײ האבנ געארבעט, ניט פארביטנ זײערע געווײנלעכע קלײדער אפ קײנ רײַכע, געגעסנ באשײדנ אונ באצויגנ זיכ גוט צו יעדנ אײנציקנ, ווער ס׳פלעג קומענ צו זײ מיט אנ איניען.

דאא־די האט געלעבט אינ אײנער פונ די זײַטיקע געבײַען אינ הויפ פונ דעמ יאמינ אונ לי־סינ האט זיכ באזעצט אינ א קאזארמע. ניט ווײַט פונ אים האט זיכ געפונענ די נײַע טײל פונ דער שטאט־מיליציע.

דאס אײנציקע, אפ וואס די מאכט־מענטשנ האבנ געקוקט מיט דארשטיקע אויגנ, איז געווענ געווער. די נײַע מאכט האט גלײַכ אפגעגעבנ א באפעל מ׳זאל אפגעבנ דאס גאנצע געווער.

פאר באהאלטנ געווער האט געדראט א שטרענגע שטראפ, אונ אט האט זיכ צומ יאמינ א לאז געטאנ א לאנגע רײ מענטשנ. זײ האבנ אפ זײערע אקסלענ געטראגנ אלטע כינעזישע ביקסנ, אוראלטע פײַל אונ בויגנס פונ שטארקנ האלצ, ארומגעקאוועטע מיט אײַזערנע אדער מיט בראנדזענע פלאסטינקעס. זײ האבנ געטראגנ בינטלעכ אלטע שווערדנ אינ לעדערנע, מעטאלענע אוראלטע שײדנ מיט הענטלעכ, באפוצטע מיט שניצעכצ, מיט נעפריטנ אונ מיט זילבער באלײגט.

דארט זײַנענ אויכ געווענ לאנגע פיקעס, מיט וועלכע ס׳האבנ זיכ נאכ געשלאגנ די עלטער־זײדעס, אונ קרומע קינזשאלנ מיט ברײטע האלב־קײַלעכיקע קלינגענ.

נאר הײַנטצײַטיק געווער איז געווענ ווינציק.

יוי־צזא־ידי האט מיט טרויער געקוקט אפ די בערג אלטנ צעזשאווערטנ אײַזנ, וואס איז אנגעווארפנ געווענ אפנ הויפ פונ יאמינ.

לעבנ דעמ בארג ברוכווארג האט זיכ געהויכט א קלײנ בערגעלע פונ נײַע יאפאנישע אונ ענגלישע ביקסנ, יעגער־

געווער און דאָס באַליבטסטע אין כינע — וויַיט־שלאָגנדיקע מאַוזערן.

דאָס גאַנצע היַינטציַיטיקע געווער האָט מען טייקעס אָפּגעגעבן דער רעגולערער רויטער אַרמיי. די מיליציע האָט באַקומען רעוואָלווערן פון גאָר אַן אַלטער סיסטעם און מעסערס, וואָס האָבן נאָך געדענקט די יאָרן פון עם אופשטאַנד פון די טאַיפּינגער[1].

לי־סין האָט זיך געבעטן בא דאַ־די, ער זאָל אים געבן א ביקס, נאָר יענער האָט א מאַך געטאָן מיט דער האַנט:

— וואָס רעדסטו, וואָס? בא אונדז איז איינגאַנצן פאַראַן 60 ביקסן אַף 2000 מ׳שטרירטע סאָלדאַטן. קאָן מען דען צעגעבן ביקסן אַזוינע, ווי דו? דו קענסט דאָך ניט שיסן. לערן זיך פריער אויס צו האַלטן א ביקס אין די הענט, וועלן מיר דעמאָלט ריידן.

לי־סין איז געווען פאַרטאָן מיט זיַינע פליכטן פון פרי ביז דער נאַכט. נאָכדעם פלעג ער אַוועק אין א שכיינישער קאַזאַרמע און דאָרטן איז ער דורכגעגאַנגען די לערע פון מיליטערישער מושטרירונג צוזאַמען מיט א גרופּע פריַיוויליקע אַזוינע ווי ער.

ער האָט גוט דערלערנט די ביקס, נאָר שיסן איז אים קימאַט ניט אויסגעקומען. קוילן זיַינען געווען שטאַרק ווינציק — מע האָט זיי צוגענומען בא'ם פיַינט בעת א געשלעג. די רויטע אַרמיי האָט באַצאָלט פאַר זיי מיט אייגענעם בלוט. קיין קוילן האָט מען אינערגעץ ניט געקענט קויפן, און מאַכן איז אויך ניט געווען ווו און פון וואָס. פאַר דער רויטער אַרמיי זיַינען נאָך פאַרגעשטאַנען גרויסע געשלעגן מיט גוט באַוואָפנטע פיַינט, וואָס האָבן זיך גערוקט פון צאָפנ־זיַיט צו די קריַיזן, וואָס די רויטע טייַלן האָבן פאַרנומען.

— דאָס געלט, וואָס מיר וועלן צונעמען בא די הענדלער, — האָט זיך לי־סין דערמאַנט אין די ווערטער פון יוי־צזאָ־יוי, —

---

1) דער אופשטאַנד פון די טאַיפּינגער האָט זיך געצויגן פון 1850 ביז 1864 און האָט אַרומגעכאַפּט קימאַט גאַנץ כינע. דעם אופשטאַנד האָבן דערשטיקט די ענגלענדער, פראַנצויזן און אַמעריקאַנער.

וועלן גיין אפּ צו קריגן ביקסן און קוילן. מיר וועלן שיקן אונדזערע מענטשן אין מאָקאָא. דאָרט זײַנען פאראנג אַזעלכע מענטשן, וואָס זײַנען גרייט פאַרקויפן אונדז א ביליקע פּאַרטיע ביקסן און קוילן, אבי מיר וועלן זיי נאָר באַצאָלן מיט אויס־לענדישער וואַליוטע אָדער מיט גאָלד.

„וויפל קוילן וואָלט מען געקענט קויפן פאַר דעם יוווע־לירס זילבער?" — האָט א קלער געטאָן ליי־סין.

דער שפּיציקער האָרן פון דער לעוואָנע האָט אַרויסגעקוקט פון הינטער די וואָלקנס און באַלויכטן די וואַנט פונעם יוווע־לירס הויז.

„זאָל ער ניט באַקוקן נאָכאַמאָל דעם יוועלירס קעלערס?" — האָט אַ קלער געטאָן ליי־סין.

ער איז צוגעגאַנגען צו די טויערן, נאָר זיי זײַנען געווען פאַרשפּאַרט פון אינעווייניק מיט שווערע ריגלען.

ליי־סין איז דורכגעגאַנגען פאַרבײַ דער שטוב לענגאויס דער וואַנט. א נידעריקע גרויע וואַנט, וואָס איז אויבן געדעקט מיט טשערעפּיצע, האָט זיך געצויגן אַרום און אַרום דעם סויכערס נאַכלע. אָט די נאַכלע איז מיט איין זײַט געשטאַנען צו א גרוי־סער צענטראַלער גאַס און מיט דער אַנדערער — אין א שמאָלן ווינקלדיקן ליקל.

ליי־סין איז לאַנגזאַם אוועק לענגאויס די ווענט פונעם ליקל. נאָר גלײַך אין ערשטן ראָג האָט ער באַגעגנט א מענטשן. אין דעם מאָמענט האָט זיך די לעוואָנע באַהאַלטן צווישן די וואָלקנס און ליי־סין האָט ניט באַמערקט דעם פּאָנעם פון אָט דעם מענטשן. דער מענטש איז אַנטרונען געוואָרן ערגעץ הינטער דער וואַנט. ליי־סין האָט אוועקגעלייגט זײַן האַנט אויפן שווערן קאָלט, וואָס האָט זיך געשאָקלט בא אים אויף דער זײַט, און האָט זיך געלאָזט פאָרויס. נאָר דעם מענטשן האָט ער שוין ניט געזען.

ליי־סין איז גיך דערלאָפן ביזן עק ליקל. נאָר ער האָט קיינעם ניט געפונען. אין יענעם עק ליקל זײַנען ניט געווען קיין טויערן און קיין טירן. נאָר גאָר אין סאַמע סאָף ליקל זײַנען געשטאַנען הויכע טויערן — דאָס איז געווען אַן אַרמײַ־

באנג אין עמעצנס א רייכער נאכלע. די טויערן זיינען געווען פארהאקט.

„ווו איז אהינגעקומען דער דורכגייער? ער האט דאך נים געקענט עפענען דעם טויער פאר א פאר סעקונדעס",— און צוהאלטנדיק מיט דער האנט דעם קאלט, איז ליי־סין צוריק אוועק צו דער גאס ארויס.

נאר באם סאמע פארקערעווען זיך איז אויסגעוואקסן פאר אים א שאטן פון א הויכן מענטשן.

ווי נאר דער דורכגייער האט דערזען ליי־סינען, האט ער זיך גלייך געלאזט גיין מיט גיכע טריט צום צענטער פון שטאט.

„היינט האבן עפעס אלע מוירע פאר מיר,— האט א קלער געטאן ליי־סין,— ס'איז עפעס נים גלאטיק".

ער איז צוגעגאנגען צום טויער פונעם יוועלירס שטוב און זיך צוגעזעצט אפ די שפיץ פינגער אין נים קיין טיפער נישע. אפ דער באלויכטענער לעוואנעדיקער גאס האבן די טויערן געווארפן א שמאלן קורצן שאטן.

דער שאטן האט פארדעקט די נישע, ווו ס'איז געזעסן ליי־סין.

א טיפע נאכט־שטילקייט האט זיך צעשפרייט איבער דער קליינער שטאט. ס'האבן קיין הינט נים געבילט און קיין הע־נער האבן נאך נים געקריים. די לעוואנע איז אט געשווומען איבערן בלויען, קלארן הימל, און אט האט זי זיך געטוקט אין א וואלקן, און אפ דער גאס איז געווען א רעגעלע ליכטיק און א רעגעלע פינצטער.

נאר אט איז עפעס א דורכגייער אריין אין ליקל. ליי־סין איז טייקעף אוועק נאך אים, סטארענדיק זיך די גאנצע צייט צו זיין אין שאטן. דער דורכגייער איז רויק געגאנגען פאר־רויס, זיך נים אומגעקוקט אפ צוריק. ער איז, ווייזט אויס, זי־כער געווען, אז אין ליקל איז קיין לעבעדיקער נעפעש נישטא.

הינטער דעם צווייטן ראג איז דער מענטש נים געבליבן.

ליי־סין איז געווען אזוי פארוונדערט, אז ער האט זיך אויס־געגלייכט אין דער גאנצער גרייס, און פארגעסן וועגן פאר־

זיכטיקײַט, האָט ער זיכ אוועקגעשטעלט אינ ליקל אונ געקוקט ארומ אונ ארומ, ווי א קינד, וואָס האָט זיכ פארבלאָנדזשעט אינ וואַלד.

אינ דער מינוט האָט זיכ א שאָרכ דערהערט באַם סאמע אויער. לײ־סינ האָט זיכ אומגעקוקט אונ דערזענ, ווי א שטריקענער לײטער האָט לאנגזאָמ אוועקגעפּריזעט אינדערהייכ אונ איז אראָפּגעפאלנ ערגעצ אפנ הויפ.

„איז אָט וויאַזוי זײ באהאלטנ זיכ אויס" — האָט א קלער געטאָנ לײ־סינ. ער איז ארײַנ הינטערנ ערשטנ ראָג אונ זיכ פארטײַעט אינ שאָטנ.

אינ עטלעכע מינוט ארומ איז אינ ליקל ארײַנ נאָכ א דורכגייער. ער האָט זיכ געשטעלט הינטערנ צווייטנ ראָג אונ שטיל א הוסט געטאָנ צוויי מאָל. דער שטריקענער לײטער איז טיי־קעפ אריבערגעוואָרפנ געוואָרנ איבער דער וואנט. דער דורכגייער האָט זיכ ארופגעקאראבקעט איבער דער וואנט.

דעמאָלט איז לײ־סינ צו אינ סאמע טעמפנ ווינקל פונעמ ליקל, בא די הויכע טויערנ אונ איבער די וואנט־אויסשטאָרצנ אונ שניצעכצנ איז ער ארופגעקראָכנ אפ דער וואנט, סטארענדיק זיכ ניט אופצוהייבנ זיכ העכער דער וואנט, איז ער לאנגזאמ געקראָכנ איבער דעמ וואנט־רוקנ ביז צו יענעמ אָרט, פונוואנענ ס'האָט זיכ פריִער באוויזנ דער שטריק־לייטער. אויסגעווארט דעמ מאָמענט, ווענ די לעוואָנע איז פארשווונדנ אינ די וואָלקנס, האָט ער אופגעהויבנ דעמ קאָפ אריבער דער וואנט.

בא דער סאמע וואנט איז געזעסנ א מענטש. ס'איז ניט שווער געווענ צו דערקענענ, אז דאָס איז געווענ א באָי — א דינער.

אײנ מינוט האָט באדארפט האָבנ דער פלינקער קולי, קעדיי א שלײַדער צו טונ דעמ דינער אָנ דער ערד, צונויפבינדנ אימ די הענט אונ באפעלנ אימ שווײַגנ אונטער דער דראָונג פונעמ רעוואָלווער.

נאָכדעמ האָט לײ־סינ מיט א שארפנ מעסער אויסגעשניטנ לאנגע פאסנ פונעמ אלטנס העמדל אונ פארשטאָפט אימ דערמיט דאָס מויל. אינ עטלעכע מינוט ארומ איז שוינ דער אל־

טער דינער געלעגן הינטערן װינקל פון װאנט און לײ־סין איז שױן געזעסן אױף זײַן אָרט.

ס'איז דורך א האלבע שעה, נאָר אונטער דער װאנט האָט קײנער ניט א הוסט געטאָן. דעמאָלט איז לײ־סין אװעק אין דער סיפ פון הױף. אין דער גאנצער שטוב איז געװען באַלױכטן נאָר אײן פענצטער. לײ־סין האָט זיך צוגעטוליעט צום פענצטער. ער האָט קלאָר געהערט שטימען פון מענטשן, װאָס האָבן זיך צונױפגעקליבן באַם יוּװעליר.

לאנג און אָנגעשטרענגט האָט זיך לײ־סין אײַנגעהערט אין די פארפלאָנטערטע רעדעס פון די פארשװערערס, װאָס האָבן זיך פארלאָזט אױפן דינערס געטרײַשאפט.

װען ס'האָט גענומען שארײַען אױף טאָג, איז לײ־סין אריבערגעקראָכן די װאנט מיט דער הילף פונעם שטריק־לײטער און זיך גלײַך געלאָזט לױפן צום „יאמינ".

ער איז געלאָפן מיט אלע קױכעס — ער איז קײנמאָל אין זײַן לעבן אזױ ניט געלאָפן.

װען די פארשװערער זײַנען, אײנס נאָכן צװײטן, ארױסגעגאנגען פונעם טױער אױפן גאס, האָבן זײ באַגעגנט באװאָפנטע מענטשן, און אין א שעה ארום זײַנען שױן אלע דעם יוּװעלירס געסט, צוזאמען מיטן באַלעבאָס אלײן, געשטאנען פאַר דאַאָ־די.

איצט איז שױן דער געשפרעך געגאנגען ניט נאָר װעגן דעם זילבער, װאָס האָט שױן ניט אױסגעמיטן די הענט פון דער קאָמיסיע (דאָס זילבער איז געװען באַהאלטן אין א טיפן ברונעם, אינעם װײַטסטן װינקל פונעם יוּװעלירס הױף), דער געשפרעך איז שױן איצט געגאנגען װעגן װיכטיקערע עניאָנים.

לײ־סין איז געװען ער העלד. מע האָט ניט נאָר געפונען דאָס זילבער, נאָר מע האָט אױך אנטדעקט א פארשװערונג פון די רײַכע קעגן דער ראטנמאכט.

דער יוּװעליר איז געשטאנען אין שפיץ פון דער גרופע, װאָס האָט געװאָלט אױפהײבן אן אױפשטאנד אין שטאָט און צוברײטן הילף דעם אָנגרײַפנדיקן מיליטער פון דער צאָפן־רעגירונג.

XVII

בא א גרויסנ טיש איז געזעסנ דער מיליטערישער גובערנא־טער פונ כאנאַי[1]). זײַנע אָפּגעברענטע הענט זײַנענ געלעגנ אפנ בלויענ געוואנטענעמ טישטעכ. אנטקעגנ דעמ גובערנאטער איז געשטאַנענ אויסגעצויגנ דער שעפ פונ דער לופט־עסקאדריליע.

— ווענג דעמ, וואָס סיוועט אויסקומענ צו ברעכנ די גרע־נעצ־געזעצנ, דאָס זאָל אײַכ ניט ארנ, קאפּיטאנ. די פּאָליטישע זײַט נעמ איכ אפ זיכ,—האָט געזאָגט דער גובערנאטער.—אײַער זאכ איז געראָטנ צו לייזנ די שלאָג־אויפגאבע. די רויטע מוזנ פארניכטעט ווערנ. אינ לונטזשאָו אונ אינ די גרענעצ־קרײַזנ טאָר קיינ באָלשעוויק ניט בלײַבנ. פארשטאנענ?

— איכ הער,—האָט קורצ געענטפערט דער קאפּיטאנ.

— אײַכ, קאפּיטאנ, איז באקאנט די לאגע אינ אינדאָקיטײַ. מיר האָבנ אויפגעהאנגענ עטלעכע צענדליק אונדזערע „איינענע” באָלשעוויקעס. מיר האָבנ געגעבנ א גוטנ קלאפּ די צענבונטע־ווענע אנאמיטנ אונ קאָכינכינער, נאָר מע דארפ פארשטיינ, אז דער אויפשטאנד, וואָס האָט זיכ מיט עטלעכע כאדאָשימ צוריק צעפלאקערט אינ אינדאָקיטײַ, איז ניט קיינ צופעליקײַט. ערשט איצט ווערט אינדאָקיטײַ פארוואנדלט אינ אנ עמעסער פראנ־צויזישער קאָלאָניע, וואָס קאָנ פראנקרײַכ ארײַנברענגענ מיל־יארדנ. מיר בויענ ווענג, האפנס, מיר שאפנ פלאנטאציעס, מיר דארפנ האָבנ ארבעט־הענט. מיר וועלנ דאָכ ניט ברענגענ קיינ אינדאָקיטײַ קיינ כינעזער אָדער אינדוסנ. אינ אינדאָקיטײַ זײַ־נענ אָנ זײַ גענוג פאראנ מענטשנ. נאָר קיינ אָרעמע פויערימ דארפ מענ ניט האָבנ. מיר וועלנ די ערדנ בעסער אָפּגעבנ צו קולטורעלע פלאנטאטאָרנ—פראנצויזנ. אונ די אנאמיטנ זאָלנ בויענ ווענג, גראָבנ שאכטעס, ארבעטנ אפ די פלאנטאציעס, ווי געדונגענע ארבעטער. איר פארשטייט מיכ, קאפּיטאנ? מיר דארפנ קוקנ דעמ עמעס גלײַכ אינ די אויגנ. אָט אזא איז דער ווענ פונ אלע קאָלאָניעס. אינדאָקיטײַ איז ניט קיינ אויסנאמ. אונ אויב עס איז אזוי, שטייט אונדז פאָר נאָכ ניט איינ אויפשטאנד.

1) כאנאַי—א פּראָווינצ אינ אינדאָקיטײַ אפנ גרענעצ מיט דער כינעזישער פּראָווינצ גואנס.

אונדז שרעקנ ניט די אופשטאנדנ פונ די באוואָפנטע פויערים, נאָר מיר דארפנ צושטרענגענ אלע קויכעס, קעדיי ניט צו דערלאָזנ אינ לאנד די באָלשעוויסטישע „מאגייפע", אניט קאָנענ זיכ קעגנ אונדז אופהייבנ ניט נאָר די פויערים, נאָר אויכ די ארבעטער אונ די ארמיי.

— איכ האָב אײַכ גוט פארשטאנענ, גענעראל, — האָט געענטפערט דער קאפיטאנ אונ זיכ א נויג געטאָנ פארנ גענעראל. — איכ וועל אויספילנ מײַנ כיווו.

— איכ צווייפל ניט אינ אײַער געטרײַשאפט, קאפיטאנ, אײַערע באָמבע-פירערס וועל איכ ארויסגעבנ א פולנ קריגס-פאיאָק.

XVIII

שוינ עטלעכע וואָכנ, אז די שטאָט לעבט מיט א נײַעם ארט לעבנ. גלײַכ פונ די ערשטע טעג האָבנ שוינ אלע פארשטאנענ, אז די נײַע באלעבאטים וועלנ ניט דערלאָזנ אינ שטאָט קיינ אומאָרדענונגענ.

אלע, וואָס האָבנ געמיינט, אז מיטנ אָבקומענ פונ די רויטע וועט מענ אָנהייבנ ראבעווענ אונ גאנווענענ, האָבנ א גרויסנ טאָעס געהאט.

יוי-צזאָ-יוי האָט ארויסגעגעבנ א שטרענגנ באפעל, אז די באנדיטנ אונ מאראָדיאָרנ, וואָס וועלנ זיכ דערקלערנ פאר רויטע, זאָלנ צעשאָסנ ווערנ אפנ אָרט.

מע האָט אויכ ניט געשאנעוועט די אָפענע פײַנט פונ דער ראטנמאכט. די באאמטע, גוטבאזיצער, פאָליציי-לײַט, וואָס האָבנ זיכ בא דער אלטער מאכט איזדעקעוועט איבער דער באפעלקערונג אונ האָבנ געראבירט די שטאָטישע אָרעמקײַט, האָט מענ ארעסטירט. די סאָכרים האָבנ די רויטע ניט געטשעפעט, אויב זיי האָבנ נאָר געצאָלט די שטײַערנ אונ די קאָנטריבוציע, וואָס איז געגאנגענ ז.פ. אויסצוהאלטנ די רויטע ארמיי.

די קראָמענ האָבנ זיכ געעפנט. אינ די פענצטער האָבנ זיכ באוויזנ סכוירעס. די נײַע מאכט האָט אײַנגעשטעלט נײַע טאקסעס אפ אלע סאמע נייטיקסטע פראָדוקטנ. די אָרעמקײַט האָט פרײַער אָפגעעטעמט.

ס'האָבנ ווידער אָנגעהויבנ ארבעטנ אסאכ נײַע, ניט קײנ גרויסע פאבריקנ אונ ווארשטאטנ. נאָר דאָס פרידלעכע לעבנ האָט לאנג ניט געדויערט. אײניקע זײַנעו פונ צאָפנ אָנגעקומענ ידיעס וועגנ דעם, אז צו דער שטאָט דערנעענטערנ זיכ מיליטערישע טײלנ פונ דעם גואנסיער גענעראל לי־צזונ־דזשענ, וואָס האָט באשטימט ארויסצוטרײַבנ די רויטע פונ לונטזשאָו אונ אנדערע שטעט אונ דערפער. ס'זײַנעו געגאנגענ קלאנגענ, אז די רעגירונג־טײלנ האָבנ באקומענ באדײַטנדיקע הילפ פונ קאנטאָנ אונ פונ דער נאנקינער רעגירונג. די אגיט־אָפטײלנ פונ די רויטארמײישע טײלנ האָבנ געארבעט טאָג אונ נאכט. די פארקנס אונ ווענט זײַנעו געווענ באקלעפט מיט אופרופנ אונ מיט אגיטאטערישע פלאקאטנ.

אפ די פלעצער אונ אינ אלע גרעסטע געבײַדעס זײַנעו פאָרגעקומענ מיטינגענ. די אָראטערס האָבנ גערעדט פלאמענדיקע רעדעס, רופנדיק די אָרעמקײַט צו פארטײדיקנ די ראטנמאכט.

צענדליקער יונגע קאָמוניסטנ אונ מיטפילנדע ארבעטער אונ פויערים זײַנעו אָנ אופהער געגאנגענ איבער די דערפער אונ דערפלעכ, קעדײ צו אָרגאניזירנ די אָרעמקײַט אונ צו באוואָפענענ זי.

אסאכ פלעגנ דרײסט אוועקגײנ צו די פײַנט אונ דאָרט אגיטירנ די געדונגענע סאָלדאטנ פאר דער ראטנמאכט, רופנ זײ צום קאמפ.

אײניקע זײַנעו די רעגולערע רויטע טײלנ פונ יוי־צזאָ־יוי אוועק אפ צאָפנ.

אונ נאָכ זײ זײַנעו אײנס נאָכנ אנדערנ נאָכגעגאנגענ די אָרטיקע פארטיזאנישע מאכנעס. אינ שטאָט איז פארבליבנ נאָר די מיליציע.

אײנמאָל אינ א פינצטערער נאכט האָט זיכ ערגעץ פונ ווײַט, פונ צאָפנ־זײַט, דערהערט א וויַטער געהילכ ווי פונ ווײַטע דונערנ. דאָס האָבנ זיכ צעהילכט הארמאטנ.

דאַ־די האָט באקומענ א באפעל פונ יוי־צזאָ־יוי ארויסצופירנ די שטאָט־מיליציע פונ שטאָט צוהילפ די רויטע טײלנ.

לי־סינ האָט מיט א פּיקע אָפנ אַקסל אונ מיט א שווערנ קאָלט באַ דער זײַט אוועקגעשפּאַנט איבערנ שטויביקנ וועג צו צאָפנ־צו.

XIX

די גרויסע ווילבערנע פלאַסטינקעס האָבנ אונטער די שטראַלנ פונ דער פאַרגײַענדיקער זונ געבלישטשעט די רײַז־פעלדער, וואָס האָבנ זיכ צעשפּרייט איבער בײדע זײַטנ וועג. פונ רעכטס אַפ לינקס האָבנ געטראַסקעט די קאַנאָנענ, פונ אומעטום האָבנ זיכ געטראָגנ ביקס־שאָסנ. דעם פײַנטס גראַנאַטנ האָבנ זיכ גע־ריסנ איבערנ קלײנעם דערפל, וואָס האָט זיכ געפונענ צופוסנס פונ א פלאַטשיקנ בערגל. נאָר דאָס גאַנצע רײַז־פעלד, וואָס האָט זיכ געהאַט ברײט צעוואָרפנ פאַרנ מענטשלעכנ אויג, האָט געפוסטעוועט.

די מיליטערישע טײלנ, אינ וועלכע ס׳איז אַרײַנגעפאַלנ לי־סינ מיט זײַנע כאַוויירים מיליציאָנערנ, האָבנ זיכ געפונענ באַם וועג, וואָס האָט איבערגעשניטנ דאָס רײַז־פעלד פונ מיזרעכ אַפ מײַרעו. די סאָלדאַטנ אונ די פאַרטיזאַנער זײַנענ געלעגנ אינ די קאַנאַוועס אונ פונ צײַט צו צײַט אויפגעהויבנ די קעפ איבערנ שטויביקנ וועג א קוק צו טונ, צי מע זעט ניט דעם אָנגרײַפנדיקנ פײַנט. ווער נאָר איר ווילט איז געווענ אינ אָט דער געמישטער רויטער טײל.

דאָ זײַנענ געווענ אַלטע רויטאַרמײער מיט די גרויסע פינפ־קאַנטיקע שטערנס אַפ די ברוסטנ אונ אַפ די היטלענ. זיי זײַ־נענ געווענ באַוואָפנט מיט ביקסנ.

דאָ זײַנענ אויכ געווענ פאַרטיזאַנער, וואָס האָבנ נאָכ ניט באַוויזנ אַראָפצוּוואַרפנ פונ זיכ די דאָרפישע קלײדער אונ פאַר־בײַטנ זיי אַפ מיליטערישע.

צווישנ זיי האָבנ נאָר אײנציקע פאַרמאָגט ביקסנ. באַ דעם גרעסטנ טײל פונ זיי זײַנענ געווענ קורצע פּיקעס, העק אונ שווערדנ. כוצדעם, זײַנענ דאָ אויכ געווענ די שטאָטישע ריקשעס אונ קולים, וואָס האָבנ אינ זײערע שטריקענע גאַרטלענ אַרײַנגע־שטעקט א שווערנ, קרומענ מעסער, אָדער געהאַלטנ אינ די הענט א פּאָשעטנ געזונטנ שטעקנ.

אפנ רעכטנ פלאנג איז געשטאנענ א יונגער סטודענט אינ גרויסע ברילנ, אינ א בלויענ כאלאט אונ אנ א היטל.

בא א פארגעלטנ קושטש האבנ זיכ דריי רויטארמייער געפאר־רעט ארומ אנ אלטנ, אפגעקראכענעם קוילנוואריפער פונ גאר אנ אלטער, אוראלטער סיסטעם. דער קוילנווארפער האט גע־האלטנ אינ איינ הוסטנ אונ אלע ווײַלע איז ער קאליע געווארנ.

מיטנ אטריאד האט אנגעפירט דאא־די. איצט האט ער זיכ געפונענ אינ דארפ, אינ שטאב פונ פאלק אפ א בעראטונג.

— זיי וועלנ ניט אנגרײַפנ איבער דעמ רײַזפעלד,— האט ליי־סינענ א זאג געטאנ א קליינוווקסיקער רויטארמייער.

— דא איז אנ אפנ ארט, זיי וועלנ גיינ אט פונ דארטנ,— ער האט באוויזנ מיט דער האנט אפ מײַרעח,— לינקס פונ אונדז דארט איז א בארגיק ארט, די טיי־קושטשעס.

— דו ביסט שוינ לאנג אפ דער מילכאמע?— האט לי־סינ א פרעג געטאנ בא אים.

— איכ האב געדינט אינ יוי־צזא־באס פאלקנ. אינ 1927, ווענ דער גאמינדאנ האט פאראטנ די רעוואליוציע, זײַנענ מיר ניט אוועק צומ גאמינדאנ, מיר האבנ ארגאניזירט א רעוואליוציא־נערע רעגירונג אינ נאנטשאנ, נאכדעמ זײַנענ מיר אינ א לאנגנ מארש אוועק אפ דארעמ, צו קאנטאנ. שפעטער איז די ארמיי צעפאלנ געווארנ אונ אונדזער פאלק איז אוועק צו יוי־צזא־בא. מײַנ ברודער איז דערהארגעט געווארנ בעשאס דעמ אופשטאנד אינ קאנטאנ.

די גליענדיקע זונ האט זיכ לאנגזאמ אופגעהויבנ אינעמ בלויענ הימל. א שטויב האט זיכ געדרייט איבערנ וועג. דאס גרויסע רײַזפעלד איז ענלעכ געווענ צו א גרויסער גלײַקער ווײַסטעניש.

די רויטארמייער האבנ זיכ פארקליבנ מיט אינ טאל, זיי האבנ זיכ געפלײַסט ארײַנצובאהאלטנ זיכ פונ דער היצ, אונ דער סטודענט אינעמ בלויענ כאלאט האט זיכ געזעצט אפנ ברוסט־ווער, ארופגענומענ די ברילנ אונ מיט קורצזיכטיקע אויגנ גע־קוקט אינ דער ווײַט.

נאָר די צוגעווינטע צו דער היץ קוליס און ריקשעס האָבנ זיכ געהאַלטנ נישקאָשעדיק.

דער קאָמאַנדיר פונ דער ראָטע איז דורכגעגאַנגענ די רייענ און זיכ נאָכגעפרעגט בא די סאָלדאַטנ וועגנ דעמ צושטאַנד פונ די ביקסנ און-וועגנ דער צאָל קוילנ.

די טייל, מיט וועלכער ס'איז געקומענ לי־סינ, האָט זיכ איינ־דערגיכ געלאָזט אינ וועג אַרײַנ און יעדערער האָט געכאַפּט, וואָס איז געווענ אונטער דער האַנט. איצט, פאַרנ געשלעג, האָבנ זיכ די קאָמאַנדירנ געפלײַסט קלאָר צו מאַכנ די ווירקלעכע קאַמפּ־פעיִקײַט פונ זייערע טיילנ. נאָכנ באַטראַכטנ די טיילנ איז דער קאָמאַנדיר געקומענ צו דאָ־די און אימ וועגנ דעמ אַלצ מיטגעטיילט.

לי־סינ איז אינ דער מינוט געשטאַנענ לעבנ דאָ־די און האָט געהערט ווי דער קאָמאַנדיר פונ דער ראָטע, אַנ אַלטער קעמפער, וואָס האָט אַמאָל געענדיקט די באַרימטע וואַמפּו־שול, האָט א זאָג געטאָנ צו דאָ־די:

— דאָס געווער טויג צו אַלטע רוכעס. פּאַטראָנעס איז דאָ ווינציק. פולווער איז בא מיר פאַראַנ אַסאַכ און קוילנ—ניט. אינ דער גאַנצער שטאָט האָבנ מיר ניט געקענט אויסזוכנ קיינ בלײַ. עס וועט אויסקומענ אויסצופּרוּוונ דאָס אַלטע מיטל, וואָס מיר האָבנ אָנגעווענדעט אינ די שווערע טעג פונעמ צאָפּנ־מאַרש. מיר וועלנ אָנשטאָפּנ די פּאַטראָנעס מיט אײַזנ־ברוכ, קליינע טשוועקעס, מיר וועלנ דאָכ ניט אָפּטרעטנ צוליב דעמ!

— וועגנ אָפּטרעטנ איז קיינ רייד ניטאָ,—האָט קורצ געענטפערט דאָ־די.—טו אַלצ, וואָס דו קענסט. אינ אַנדערע ראָטעס איז בעסער. דאָרט איז דאָ 60 ביקסנ אַפּ הונדערט מענטשנ. די לעבעדיקע וועלנ נעמענ די ביקסנ בא די טויטע. די אַלע, וואָס האָבנ ביקסנ, וועלנ גיינ אינ די ערשטע רייענ.

לי־סינ האָט א קלער געטאָנ: ס'קענ זײַנ, אַז איצט וועט זיכ אימ אויכ אײַנגעבנ צו קריגנ א ביקס. אימ האָט ניט אָפּגעשטעלט דער געדאַנק, אַז די ביקס וועט ער קריגנ בא א געהאַרגעטנ כאַווער. אַלציינס דאַרפנ אינ שלאַכט זײַנ געהאַרגעטע. ער האָט דאָ אָפנ אָרט באַשטימט: אויב אימ וועט אויסקומענ צו

נײַן אין דער צװײטער ליניע, װעט ער נאָכשפּירן נאָך די רױט־אַרמײער, װאָס האָבן גוטע דײַטשישע אָדער ענגלישע בּיקסן.

— לי־סין, דו װעסט בלײַבן מיט מיר, — האָט א זאָג געטאָן דאָ־די. דאָס האָט לי־סינען צעשלאָגן די פּלענער, װײַדער װעט אים ניט אױסקומען צו האַלטן א בּיקס אין די הענט.

— איך װיל דאָך אָבער אױך שלאָגן זיך אין די ערשטע רײען, — האָט זיך מיט א בּעטנדיקן קאָל אָנגערופן לי־סין. — ניט שױן־זשע מײנסטו, אז כ׳האָ... מױרע, אָדער כ׳װעל ניט קאָנען שלאָגן זיך?

— נײן, נײן, — האָט אים מיט א שמײכל בּארױקט דאָ־די. — נאָר איך דאַרף דיך האָבן. בּא מיר זײַנען ניטאָ קײן מענטשן, אף װעלכע איך זאָל זיך קענען פאַרלאָזן מיט א באַפעל אין א געפערלעכן אָרט. האָב קײן מױרע ניט, װעסט נעמען אן אָנטײל אין שלאַכט. ס׳קאָן זײַן, אז גראָד דיר װעט זיך אײַנגעבן אױסצוזײַן אין די סאַמע געפערלעכסטע ערטער.

— גוט, — האָט געענטפערט לי־סין. — אױב מע דאַרף עס, איז זאָל זײַן אזױ.

ערגעץ אין דער װײַט אף מײַרעװ האָבן זיך דערהערט צװײ קאַנאָנען־שאָסן.

— דער שלאַכט הײבּט זיך אָן, — האָט א זאָג געטאָן דאָ־די. — איך בּין זיכער געװען, אז זײ װעלן אָנהײבן אָנגרײַפן איבּער דעם בּאַרגיקן אָרט.

— אײנער א סאָלדאַט פון אונדזער ראָטע, װאָס איז שױן אף דער מילכאָמע דרײַ יאָר, האָט אױך געזאָגט דאָסזעלבע. ער האָט געזאָגט, אז דער פײַנט װעט ניט אָנגרײַפן איבּערן רײַזפעלד. איז װאָס־זשע שטײען מיר דאָ?

— אונדזערע טײלן זײַנען שװאַכער פון אַנדערע. בּא אונדז זײַנען װינציק קױלן און װינציק בּיקסן. דעריבּער האָט מען אונדז געהײסן פאַרטײדיקן דאָס אָרט, װאָס לעבּן דאָרף, אָט דאָ בּאַם אָפענעם פעלד.

— און װער פאַרטײדיקט די בּערגלעך?

— דאַכט זיך יױ־צזאָ־יױ אַלײן. מיט אים זײַנען די סאַמע בּעסטע טײלן. איך בּין זיכער אין דעם, אז זײ װעלן קענען

אײַנהאַלטן די פּאָזיציעס. אײנאָוונט דאַרפֿן צו אונדז צוקומען נײַע טײלן פֿון לונטזשאַו, און דאַן װעלן מיר אַריבערגײן אין אַן אָנגריף.

דער קאַנאָנען־געהילך האָט זיך פֿון מײַרעװ שטאַרקער גענומען הערן. יעדע צװײ־דרײַ מינוט האָט זיך ערגעץ װײַט אין דעם אָנװאָלקנדיקן הימל, סװישטשענדיק און װױענדיק, ייך דורכגעטראָגן דעם פֿײַנטס אַ סנאַריאַד.

נאָכדעם פֿלעג ער מיט אַ דונער זיך צערײַסן אין די באַמבוקענע װעלדלעך, אױף די בערגלעך, פֿאַרנומענע מיט די טײלן פֿון יוי־צזאָ־יוי.

די קאַנאָנען פֿון די רױטע האָבן געשװיגן. יוי־צזאָ־יוי היט די סנאַריאַדן פֿאַר אַן אַנטשײדענעם מאָמענט.

נאָר אָט זײַנען די דונערדיקע שאָסן געװאָרן אַלץ אָפֿטער. איצט זײַנען די סנאַריאַדן געפֿלױגן אײנס נאָכן צװײטן. הײכע זײַלן שטויב, פֿײַער און רױך האָבן זיך געהױבן איבער די בערגלעך, באַפּלאַנצטע מיט טײ־קושטשעס.

דאָא־די, לי־סין און אַנדערע רױטאַרמײער, פֿאַרגעסן יעגן פֿאָרזיכטיקײַט, זײַנען געשטאַנען אױפֿן װעג און געקוקט אױף דער שיסערײַ פֿונעם סוינע.

צו האַלבן טאָג איז דער האַרמאַטן־שלאַכט אָנגעשטילט געװאָרן, נאָר דערפֿאַר האָט זיך פֿאַרשטאַרקט דאָס קלאַפּן פֿון די קוילנװאַרפֿערס. אָפֿטער האָט זיך געשאָטן דער שרױט פֿון ביקס־זאַלפֿן. לי־סינען האָט זיך אָפֿט געדאַכט, אַז דער שלאַכט האָט זיך דערנעענטערט צו זײַן טײל און צו די טײלן פֿון יוי־צזאָ־יוי.

ער האָט אױסגעװישט מיט דער האַנט די גרױסע טראָפּנס שװײס, װאָס האָבן אַרױסגעשלאָגן אױף זײַן געגאָלטן קאָפּ. מיט ברײט צעעפֿנטע אױגן האָט ער געקוקט אױף דאָא־די, װי ער װאָלט אים געװאָלט זאָגן: „װאָס הײסט דאָס? פֿאַרװאָס גײען מיר ניט צוהילף?‟ נאָר דאָא־די האָט געשמײכלט און איז געבליבן רויִק. אין אַ שאָ אַרום זײַנען די ביקסן־שאָסן שטילער געװאָרן און פֿון דעם סויגעס זײַט האָט װידער גענומען קלאַפּן די אַרטילעריע.

— דאָס איז גוט, — האָט געזאָגט דער קאָמאַנדיר פֿון דער ראָטע. — דאָס הייסט, אַז די אַטאַקע איז אָפּגעשלאָגן. און איצט גרייט זיך דאָס כאַיל פֿון לי־צזונ־זשען צו אַ נייער. נאָר אונדזערע האָבן זיך גוט פֿאַרפֿעסטיקט אויף די בערגלעך. איך בין דאָרט געווען. איך האָב אין דעם פּראַט דערפֿאַרונג, און איך מיין, אַז דעם גענעראַל וועט זיך ניט איינגעבן אַרויסצושלאָגן פֿון די בערגלעך אונדזערע טיילן.

אין אַ שעה אַרום האָט דער פֿיינט אָנגעהויבן ווידער אָנצוגרייפֿן. די קוילנוואַרפֿערס האָבן אָנגעהויבן קלאַפּן איבער די שפּיץ בערגלעך, וואָס זיינען געווען פֿאַרנומען פֿון די רויטע. די זאַלפֿן און די איינצלנע ביקסן־שאָסן האָבן ניט אויפֿגעהערט אויף קיין סעקונדע. ס'איז דורך אַ פֿערטל שעה, אַ האַלבע שעה, און דאָס פֿייער איז ניט שטילער געוואָרן.

לי־סין האָט ווידער אָנגעשטרענגט געקוקט אויף זיין פֿריינט. איצט האָט זיך שוין דאַ־די באַאומרויִקט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דער פֿיינט האָט געקראָגן הילף און אַז ער מאַכט איצט אַן אַנטשיידנדע אָנשטרענגונג צו פֿאַרטרייבן פֿון די בערגלעך די רויטע טיילן און אַרומרינגלען דאָס דאָרף.

ער האָט צונויפֿגערופֿן די קאָמאַנדירן פֿון די ראָטעס און האָט געזאָגט:

— יוי־צזאָ־יוי וועט ניט בעטן קיין הילף, אַפֿילו אינעם סאַמע ערגסטן פֿאַל, נאָר צי דען מיינט איר ניט, אַז איר אַליין דאַרפֿט אים גיין העלפֿן? דאָס רייז־פֿעלד איז ליידיק. מיר האָבן ריכטיק אויסגערעכנט, אַז דער פֿיינט וועט ניט גיין איבערן אָפֿענעם פֿעלד: מיר קענען אָפּשוואַכן דאָ אונדזערע טיילן און אויסשטעלן אַ רעזערוו פֿאַר יוי־צזאָ־יוי.

די קאָמאַנדירן האָבן מסכּים געווען מיט דאַ־די, און דער יעגער, וואָס איז געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פֿון אַ מיליטערישער טייל, האָט אָפּגעגעבן אַ באַפֿעל אַוועקצושיקן צו יוי־צזאָ־יוי צו הילף אַ מאַכנע פֿרייוויליקע, באַוואָפֿנטע מיט ביקסן.

— איך וועל גיין מיט זיי, — האָט געמעלדן לי־סין און זיין קאָל איז פֿול געווען מיט אַנטשלאָסנקייט.

— גוט, — האָט געזאָגט דאָ־די. — נאָר ווי נאָר מע וועט די אסאקעס אָפּשלאָגנ, זאָלסטו גלײַכ קומענ צוריק צו מיר אונ מיר אלצ דערציילנ וועגנ דעם שלאכט.

XX

איינס נאָכנ צווייטנ אינ א לאנגער ריי זײַנענ אוועקגעלאָפנ די פּרײַווילִיקע צו די בערגלעכ, וווּ ס'האָבנ זיכ מוטיק גע־שלאָגנ די רויטארמייער. אויספילנדיק דעם באַפעל פונ דאָ־די, האָבנ זיי זיכ געסטארעט אויסצוניצנ יעדער קאנאווע, יעדער הויכקײַט, יעדנ בערגל אונ קוסטש, קעדיי צו באהאלטנ זיכ. זיי האָבנ געפּויזעט איבער דער ערד אונ פלעגנ אויסגלײַכנ די רוקנס נאָר אינ די באמבוקענע וועלדלעכ, אונ אפ די טיי־פעלדער פלעגנ זיי זיכ צובייגנ צו דער סאמע ערד.

ליי־סינ איז געגאנגענ הינטער א הויכנ רויטארמייער, וואָס האָט געטראָגנ אפ זײַנ אקסל א דײַטשישע ביקס. ליי־סינ האָט פאר זײַנע אויגנ דערזענ דעם בלישטשענדיקנ, פינקלדיקנ רער אונ דעם פארברוינטנ נאקנ פונ זײַנ כאווער. צופוסנס פונ די בערגלעכ האָבנ ווי פליגנ געזשומענ זשומענ קוילנ איבער די סאמע קעפ פונ די פארטיזאנער. די קוילנ פלעגנ אופהייבנ דעם שטויב אפנ וועג אונ געקלאפט איבער די באמבוקענע שטאַ־מענ, אונטערגעהאקט די פארגעלטע טיי־קושטשעס. די סנאַ־ריאדנ האָבנ דאָ געהילכט מיט א ווילדנ געהילכ.

ס'האָט זיכ געדוכט, אז די ערד ציטערט פונ די מעכטיקע קלעפּ, אונ דער בייזער געוווי פונ שראפּנעלנ האָט געמאכט ציטערנ אפילע די סאמע געניטסטע קעמפער. ליי־סינ האָט צו־נויפגעפרעסט די ליפּנ אונ קוקנדיק אינעם רוקנ פונעם פאָרויס־שפאנענדיקנ כאווער, האָט ער אקשאָנעסדיק זיכ גערוקט פאָרויס.

דער אָטריאד האָט זיכ באהאלטנ צופוסנס פונ א בערגל מיט א הוילנ שפּיצ. דער קאָמאנדיר מיט נאָכ צוויי רויטאר־מייער זײַנענ אוועק צום שטאב פונ יוי־צזאָ־יוי. ער האָט זיכ אזוי גיכ ניט אומגעקערט, אונ ליי־סינ האָט זיכ דערוווּסט פונ איינעם אנ אָרדינארעצ, אז יוי־צזאָ־יוי האָט באדאנקט דעם

קאָמאַנדיר פאַר זײַן הילף. דער לינקער פלאַנג פון יוי־צזאָ־יוי איז אָפּגעטראָטן צוריק אונטער דעם דרוק פון דעם רעגירונג־מיליטער, און די טײלן פון יוי־צזאָ־יוי האָט געדראָט מע זאָל זײ אַרומרינגלען.

איצט, נאָך אַ קורצער צוגרײטונג האָט זיך לי־סינס מאַכנע געלאָזט פאָרויס, און אין צען מינוט אַרום איז לי־סין מיט זײַנע כאַװײרים שױן געלעגן אין אַ שלאַכט־קײט אױפן סאַמע לינקן פלאַנג. דער סױנע האָט געפירט אַן אַטאַקע נאָך אַן אַטאַקע. פון צװישן די פײַ־קושטשעס האָט לי־סין געזען, װי דאָ און דאָרט זײַנען געלעגן געהאַרגעטע און פאַרװונדעטע.

עפּעס אײנער אַ גואַנסיער סאָלדאַט מיט אַ דורכגעשאָסע־נעם שטערן האָט געקוקט גלײַך אױף לי־סינען מיט זײַנע גלע־זערנע אױגן.

שװאַרצע אָדלערס האָבן זיך געטראָגן איבערן הימל.

— גרײט זיך צום שלאַכט! — האָט זיך דערהערט אַ קאָמאַנדע, און דער קאָמאַנדיר איז האַסטיק געלאָפן לענגאױס דער ליניע רױטאַרמײער.

לי־סינס שאָכן האָט אַראָפּגענומען פון אַקסל די ביקס, זי אװעקגעלײגט פאַר זיך אױפן ערדענעם ברוסטװער פון דער ניט טיפער טראַנשײע און האָט אָנגעהױבן זיך צילעװען עפּעס אין אַ סױנע, װאָס לי־סין האָט אים ניט געזען.

לי־סין האָט געהאַלטן אין האַנט זײַן גרױסן, ניט באַקװעמען קאָלט און מיט טרױער געקוקט אױף זײַנע כאַװײרים, װאָס זײַ־נען באַװאָפנט געװען מיט ביקסן.

די טראַנשײע איז דורכגעגאַנגען בײַ דער סאַמע הײך פון־נעם בערגל. פאָרױס האָט זיך געשפּרײט אַ ברײטער שיפּוע, װאָס איז פאַרנומען געװען מיט אַ טײ־פּלאַנטאַציע, און װײַ־טער אױף יענער זײַט פון אַ טיפן, שמאָלן טאָל האָט זיך גע־הױכט איבער דעם אַרום אַ גרינער פלאַכער קאַנט פון אַ בערגל.

נאָך פון אינדערפרי איז אױף דאָס בערגל געװען פאַרנומען פון די רױטע. נאָר דער סױנע האָט אַקשאָנעסדיק אַטאַקירט און געצװוּנגען די רױטע אָפּרײַניקן דאָס בערגל, און איצט האָט ער אַלײן פאַרנומען די אױסגעצײכנטע פּאָזיציע.

— קוק, מ׳גייט!

לי־סינס שאָכן, דער וואָס האָט געטראָגן די דײַטשישע ביקס אפֿן אקסל, האָט אים א שטורכ געטאָן אין זײַט מיטן עלנבויגן.

לי־סין האָט א קוק געטאָן אפֿן שפּיץ בערגל, וואָס דער פֿײַנט האָט פֿארנומען. א שיטערע קייט פֿון רעגירונג־סאָלדאטן האָבן זיך א לאָז געטאָן פֿונעם בערגל אין טאָל ארײַן

מענטשן זײַנען געלאָפֿן אײַנגעבויגן אונטער דער שוער־קייט פֿון געווער, געפֿאלן, אויסבאהאלטן זיך אין די טש־קו־שטשעס, ווידער אופֿגעהויבן זיך און ווידער געלאָפֿן פֿאָרויס.

רעכטס און לינקס פֿון לי־סינען האָבן געקלאפּט די ביקסן. די יונגע רויטארמייער זײַנען געווען אומרויִק. ס׳האָט זיך זיי אויסגעדוכט, אז דער סוינע שפּארט שוין אף זיי און אָט־אָט ראַײסט ער זיך ארײַן צו זיי אין טראנשייע.

— ניט שיסן! — האָט זיך דערהערט א שטארקע קאָמאנדע.

דער קאָמאנדיר פֿון דער ראָטע איז דורכגעלאָפֿן דורכ די רייען און אײַנגערעדט די רויטארמייער, זיי זאָלן ניט פֿאטערן גלאט קיין פֿאטראָנעס.

— ווען דער פֿײַנט וועט אָנהייבן זיך אופֿהייבן איבערן בערגל, — האָט ער געזאָגט, — דעמאָלט וועלן מיר גלײַכ מיט אײַן זאלפֿ ארונטערשנײַדן די גאנצע קייט.

— רויִקער, כאווײרים, רויִקער!

לי־סין האָט זיך אײַנגעזויגן מיטן פֿינגער אינעם הענטל פֿון זײַן אלטמאָדישן רעוואָלווער. אָט דער רעוואָלווער האָט אויסגעזויזן דאָ אפֿן שלאכטפֿעלד, ווי אן אומנוצלעכ שפּילעכל. מיט אזא רעוואָלווער וועסטו ניט דערשרעקן קיין פֿײַנט, וואָס איז באוואָפֿנט מיט קוילנוואָרפֿערס און הארמאטן.

די קייטן פֿונעם רעגולערן מיליטער, דערזעענדיק, אז זיי האָבן ניט קיין ווידערשטאנד, זײַנען גיכ ארונטערגעלאָפֿן פֿונעם בערגל אין טאָל און, אריבערגייענדיק א קליינעם שטראָם, האָבן זיי זיך שוין קאראבקעט אין צעשאָטענע רייען ארויפֿצו, צו דער טראנשייע.

— גרייט זיך! — האָט זיך דערהערט א קאָמאנדע.

לײ־סינס שאָכנ האָט זיכ פּעסט צוגעדריקט צום קאָלבנ פונ זײַנ ביקס. לײ־סינ האָט גוט געזענ, ווי דער שפּיצ פונעם שוואַרצנ רער האָט זיכ אַראָפּגעלאָזט אַראָפּ אונ זיכ געצילעוועט.

לײ־סינ האָט אויכ אָנגעצילט זײַנ קאָלט אַפּ אַראָפּצו, דאָרט ווו אײנער נאָכנ צווײטנ האָבנ זיכ באַוויזנ אונ אויסגעוואָקסנ פיגורנ פונ די אטאַקירנדיקע סאָלדאטנ. נאָר זײ זײַנענ נאָכ אלצ געווענ ווײַט.

„פונ א רעוואָלווער וועסטו ניט טרעפנ״ — האָט א קלער געטאָנ לײ־סינ אונ באַשלאָסנ, אז זײַנ רײ וועט קומענ שפּעטער, ווענ דער סוינע וועט שוינ זײַנ בא דער סאמע טראנשײע.

— ראָטע, א זאלפּ, פײַער! — האָט אויסגעשריִענ דער קאָמאנ־דיר. ס׳האָט זיכ דערהערט א דונערדיקער זאלפּ. לײ־סינ האָט ניטווילנדיק פארמאכט די אויגנ, נאָר גלײַכ געעפנט זײ צוריק. ער האָט פארגעסנ וועגנ פאָרזיכטיקײַט, ארויסגעשפּארט דעם קאָפּ פונ דער טראנשײע אונ מיט דורשטיקײַט נאָכגע־קוקט, וויאַזוי דער פײַנט פאלט. ער האָט געזענ, ווי אײניקע גוואנסיִער סאָלדאטנ זײַנענ געפאלנ מיט צעשפּרײטע הענט אונ מיטנ פּאָנעם ארופ אָדער אראָפּ אונ מיט די פיס צו דער טראנשײע. די שווערקײַט פונ זײער אײגענעם קערפּער אונ פונ די ראנצנ האָט זײ געצויגנ אפּ אראָפּ צום שטראָם, וואָס זײ זײַנענ ערשט אריבער. אײניקע זײַנענ געפאלנ אונ ווידער זיכ אויפגעהויבנ. אנדערע לויפנ צוריק, סטארענדיק זיכ בא האלטנ אינ טאָל, צווישנ די בערגלעכ, נאָר די מערהײַט האָט פאָרגעזעצט קאראבקענ זיכ ארופצו אנטקעגנ דעם בלײַענעם רעגנ. זײ זײַנענ געגאנגענ, ניט געשאָסנ, נאָר געהאלטנ די ביקסנ אינ די הענט.

לײ־סינ האָט געזענ, ווי פונ זײערע פּענעמער האָט גערונענ שווײס. זײ האָבנ שווער געסאָפּעט, ברײט צעעפנט די מײַ־לער, די אויגנ זײערע זײַנענ געווענ פול מיט גרויל אונ האס. די פיס האָבנ זיכ נאָכאנאנד געשטרויכלט אונ געפּלאָנטערט זיכ אינ די טײ־קוסטשעס, נאָר זײ זײַנענ אקשאָנעסדיק געגאנגענ, געטריבנ פונ דיסציפּלינ, צוגעוווינט בלינד מאקריוו צו זײַנ דאָס לעבנ פאר א קווערטל רײַז אונ פאר א הײַפעלע גרינס.

ליִיסינס כאַוויִירים האָבּן ניט אויפגעהערט צו שיסן. איצט האָבּן זיי שוין ניט געהערט דעם קאָמאַנדירס קאָמאַנדע. זיי האָבּן פאַרגעסן, אַז נאָענט לעבּן זיי געפינט זיך דער קאָמאַנ־דיר פון דער ראָטע, וואָס פרווּווט זיך אָנפירן מיטן שלאַכט, און

געשאָסן אַף רעכטס און אַף לינקס אין די סאָלדאַטן, וואָס סיהאָט זיך געדוכט, אַז זיי זיַינען איצט דער בעסטער ציל, אָדער די געפערלעכסטע סאָנים. אַנדערע האָבּן געשאָסן ניט געקוקט ווו, נאָר גלײַך פאָרויס, אָן א ציל. דער הייזעריקער קאָמאַנדיר,

איז צוגעלאָפֿנ צום כריפּענדיקנ קוילנוואַרפֿער, אָפּגעשטופּט אָנ א זײַט דעם פֿאַרשוויצטנ רויטאַרמייער, מיטנ פֿאַרוויכערטנ פּאָנעם, אַלײנ א כאַפּ געטאָנ פֿאַרנ הענטל דעם אַלטנ מאַק-סים[1].

לי־סינ האָט זיכ אַלעמאָל א ריס געטאָנ צו נעמענ שיסנ פֿו-נעם קאָלט, נאָר ער האָט זיכ אַלצ אָפּגעהאַלטנ. ער האָט באַ-שטימט, אַז זײַנ קאָלט וועט צונוצ קומענ אינ סאַמע שווערסטנ מאָמענט, ווענ דער פֿײַנט וועט זיכ אַרײַנרײַסנ אינ טראַנשײ.

דער קאָמאַנדיר איז געווענ געראַכט. דעם פֿײַנטס ערשטע קײט איז פֿאַרניכטעט געוואָרנ דורכנ פֿײַער פֿונ די רויטע. די גאַנצ־געבליבענע סאָלדאַטנ האָבנ זיכ באַהאַלטנ הינטער די טײ־קוסטשעס. פֿונ צווישנ די פּעסטע טײ־בלעטלעכ האָבנ אַרויס-געקוקט די רערנ פֿונ זײערע ביקסנ.

די סאָלדאַטנ האָבנ אײַנדערגיכ געגראָבנ ניט קײנ טיפֿע גריבער, אינ וועלכע מע האָט געקענט באַהאַלטנ דעם קערפּער אונ דעם קאָפּ.

נאָר פֿונונטנ איבערנ שטראָמ זײַנענ שוינ געשפּרונגענ נײַע מענטשנ,—ס'האָט זיכ דערנענטערט א נײַע כוואַליע סאָל-דאַטנ.

— קוק זיכ צו! קוק זיכ צו!—האָט א זאָג געטאָנ לי־סינ צו זײַנ שאָכנ,—זײ זײַנענ דאָרט אינ די טויזנטער.

לי־סינ האָט אויפֿגעהויבנ דעם קאָפּ איבער דער טראַנשײ אונ האָט דערזענ, ווי נײַע געדיכטע קײטנ פֿונעם פֿײַנט האָבנ זיכ א לאָז געטאָנ אינ אַטאַקע.

אינ דעם מאָמענט איז צו דעם קאָמאַנדיר צוגעגאַנגענ א סאָלדאַט—א שאָליעכ. אים האָט צוגעשיקט דאָ־די.

יוי־צזאָ־יוי האָט פֿאַרשטאַנענ, אַז מיט זײַנ ניט גרויסער מאַכ-נע אונ מיט דאָ־דיס כאַיל וועט ער ניט אויסהאַלטנ דעם דרוק פֿונ די באַדײַטנדע קויכעס, וואָס שפּאַרנ אָפּ אים פֿונ אַלע זײַטנ. מע האָט ניט געקענט דערלאָזנ, אַז דער פֿײַנט זאָל זיכ אַרײַנ-רײַסנ אינ דער טראַנשײ, אויסהאַרגענענ אַלע רויטאַרמייער, פֿאַרכאַפּנ דעם קוילנוואַרפֿער, די קוילנ.

---

1) מאַקסים — א קוילנוואַרפֿער פֿונ א באַשטימטער סיסטעם.

XXI

לי־סינענ איז טאקע ניט אויסגעקומענ צו שיסנ פונעם קאָלט. איינער פונ די לעצטע האָט ער פארלאָזנ די טראנשייע, אינ וועלכער ס'האָבנ זיכ צוביסלעכ ארײַנגעריסנ די פײַנט, ניט וויסנדיק, אז די רויטע זײַנענ שוינ אוועק. מיט פארדראָס האָט זיכ לי־סינ ארופגעקליבנ אפנ בערגל, וואָס האָט זיכ געפונענ אינ טיל לעבנ דאָרפ. אָט דאָס דאָרפ איז געווענ דער שליסל פונ אלע פאָזיציעס, וואָס די רויטע האָבנ געהאלטנ.

דאָ־דיס מאכנע האָט נאָכ ניט באוויזנ אָפּצוטרעטנ, ווי פונ יוי־צזאָ־יוי איז געקומענ א נײַער, צווייטער שאָליעכ, נאָר איצט שוינ מיט א פריידיקער בסורע:

— פונ לונטוזשאָ זײַנענ צוגעקומענ נײַע קויכעס פונ דער רויטער ארמיי.

דערהערנדיק דעם קאנאָנענ־געהילכ, זײַנענ זיי א גאנצע נאכט אונ א גאנצנ פרימאָרגנ געגאנגענ צו יוי־צזאָ־יויס פאָזיציע אומבאמערקט פארנ סוינע. יוי־צזאָ־יוי האָט גאָרניט געווארט, זיי זאָלנ אזוי גיכ צוקומענ.

יוי־צזאָ־יוי האָט באשטימט צו געבנ זיי א שאָ אָפּרו אונ אינ־אָוונט זיי א רוק טונ אינ אטאקע.

דאָ־דיס מאכנע האָט מענ פארפולט מיט פרישע רויטארמייער. אינ טיל, אינ די טאָלנ, צווישנ די בערגלעכ פונ דער גרויסער טיי־פלאנטאציע האָבנ זיכ געפונענ די רויטע טיילנ, די אָנגעקומענע פונ לונטוזשאָ.

אינ א שאָ ארום האָבנ די פאָדערשטע קייטנ פונעם רעגולערנ כאיל זיכ ארײַנגעגאָסנ אינ דער ערשטער ליניע. אפ דאָ־דיס מאכנע איז אָנגעקומענ ניט קיינ גרויסער טייל פונעם פראָנט. לי־סינס ראָטע האָט באדארפט גיינ אינ אטאקע צוזאמענ מיט דער ערשטער קייט.

לי־סינ האָט זיכ פיבעריק געטרייסלט. ער האָט זיכ שוינ ניט געקענט דערווארטנ אפ דער קאָמאנדע. איינער פונ די ערשטע האָט ער פארלאָזט די אויסגעגראָבענע גרוב אונ זיכ געלאָזט פאָרויס. ער האָט איבערגעיאָגט אסאכ פונ זײַנע באוויירים,

געטראָגן זיך איבער די קוסטשעס טיי אַראָפּצו, און דערנאָך אַפּ־
אַרוף, אַפּן שפּיץ פון אָט יענעם בערגל, וווּ עס האָט זיך גע־
פונען די טראַנשייע, וואָס ער מיט זיינע כאַווייריםגבאָר הא זי־
אַזוי אַקשאָנעסדיק פאַרטיידיקט אינדערפרי.

ער האָט ניט באַמערקט די שיסערייַ פונעם טרינע, ער האָט
ניט געהערט דעם פייפ פון די קוילן, ער האָט ניט א קוק געטאָן
אין פּאָנעם פונעם געפאַלענעם כאַוער זיינעם און האָט אַפילע
ניט געוווּסט, ווּעמעס ביקס ער האָט אייצט געהאַלטן אין זיין האַנט.

א גרויסע שווערע ביקס מיט א שטאָלענעם רער און מיט א
קאָלבן פון נוסן־האָלץ, אָט אַזאַ ביקס איז איצט געווען אין
זיין האַנט—אַן אייגענע ביקס!

אין אָט דעם מאָמענט האָט ער איין זאַך געדענקט: אַפּן
שפּיץ פונעם בערגל איז דער טרינע, וואָס האַקט די קעפּ פון די
אַרבעטער. אָט די רעגירונג האָט אים אויך געוואָלט אַראָפּהאַקן
דעם קאָפּ. אָט די רעגירונג פאַרהאַסט יוי־צזאָ־יויען און זיינע
פריינט—די איינציקע גערעכטע מענטשן, וואָס לי־סין האָט באַ־
געגנט אין זיין שווערן לעבן.

ער האָט געהאַסט די פיינט. דאָס, וואָס עס האָבן אים גע־
זאָגט דאָ־די און אַנדערע קאָמוניסטן אָפּ די מיטינגען, ווען
סיהאָבן געהערשט די רויטע, האָט אים פאַרענטפערט אַלץ, וואָס
ער האָט געזען, וואָס ער האָט ניט געקענט פאַרשטיין. דאָרט
אַריבן האָט זיך פאַרטייַעט דער עמעסער טרינע. מע דאַרף אים
פאַרניכטן, אַז ניט וועט ער, דער טרינע אַליין, פאַרניכטן לי־
סינען און אַלע זיינע פריינט. מיטן ביקס אין האַנט האָט ער
זיך געקראַבקעט צום שפּיץ פונעם בערגל און קיין איין קויל
האָט אים ניט פאַרטשעפּעט, אַפילע דאַן, ווען ער איז מיט א גע־
שריי אַרופגעשפּרונגען אַפּן ראַנד פון דער טראַנשייע.

עמעצער איז געפאַלן אונטער זיין קלאַפּ. עמעצער האָט זיך
אַראָפּגעקייַקלט אַראָפּ. לי־סין האָט זיך אומגעקוקט, זוכנדיק דעם
דריטן טרינע, נאָר מער קיינעם ניט געפונען. אין דער טראַנ־
שייע איז פוסט געווען. דער פיינט איז אַנטרונען געוואָרן. פון
רעכטס און פון לינקס זיינען געשפּרונגען מענטשן מיט רויטע
שטערנס אָפּ די ברוסטן.

לי־סין האָט לאַנג ניט געטראַכט, אַרויסגעשפּרונגען און זיך אַ לאָז געטאָן פאָרויס.' גלײַך מיט אים איז געלאָפן דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע, אַרויסשרײַענדיק די קאָמאַנדע.

זיי זײַנען געלאָפן, ריכטיקער, זיך אַראָפּגעקײַקלט אַראָפּ, איבער דעם טײַכל.

ביז די קני זײַנען זיי געקראָכן אין וואַסער. מיט פיס, וואָס זײַנען שווער געוואָרן פון וואַסער און שטויב, האָבן זיי אָנגעהויבן זיך קאַראַבקען אַרויף אויפן שפּיץ בערגל, ווו אינדערפרי זײַנען געווען די פּאָזיציעס פון דעם רעגירונג־מיליטער.

די קוילן האָבן געפײַפט פאַרבײַ לי־סינס אויערן. אין וועג זײַנען) געפאַלן מענטשן. ס׳האָבן זיך געטראָגן קרעכצן. פאַרווונדעטע מענטשן האָבן געצויגן די הענט אין דער הייך. דער קאָמאַנדיר פון דער ראָטע האָט עפּעס געשריִען מיט אַלע קרי־כעס, נאָר לי־סינען האָט איצט געקענט אָפּשטעלן נאָר דער טויט. אָבער דאָ אויפן שפּיץ באַרג זײַנען אויך קיין פײַנט ניט געווען.

איצט איז לי־סין געזעסן, אַראָפּגעלאָזט די פיס אין אַ גראָבן צונויפגעדריקט די ביקס אין די הענט און געלאַכט.

ער איז ווי אַ קינד געווען צופרידן פונעם זיג. הייסט עס, אַז דער־פײַנט איז צעקלאַפּט. איצט וועט לי־סינס שטאָט זײַן די שטאָט פון די ריקשעס און פון קוליס. מיט איר וועלן אָנפירן די גע[illegible]טע יוי־צזאָ־יויס פרײַנט, די סאָחרים וועלן פאַרקויפן די סחורעס פאַר וואָלוועלע פרײַזן און אויף די פּלעצער וועט מען שוין מער ניט קעפן קיין אַרבעטער. מער האָבן שוין אין דער לופטן קיין קוילן ניט געסווישטשעט. סנאַריאַדן זײַנען שוין מער ניט גע־פלויגן צום הימל. לי־סין האָט געקוקט אויף די רײַז־פעלדער, וואָס האָבן זיך פאַנאַנדערגעוואָרפן צופוסנס פון די בערג, אויפן דאָרף, ווו ס׳איז געשטאַנען דער שטויב פון פאָלק, אויף די פויג־לען, אויף די באַמבוקענע וועלדלעך און אויפן שרימיקן טײַכל.

ער האָט געקוקט אויף זײַן ביקס, און ערשט איצט האָט ער באַמערקט,' אַז זײַן געפאַלענער כאַווער האָט אים איבערגעלאָזט נאָר די ביקס — אָן קוילן.

אין דער איינציקער אָבאָימע האָט ער געפֿונען פֿיר קוילן. וואָס וואָלט ער געטאָן מיט דער ביקס, ווען זײַן אָטריאַד וואָלט אַרויסגעקומען צו שלאָגן זיך אַ לענגערע צײַט? ער האָט זיך אומגעקוקט אין די זײַטן. ער האָט געזוכט כאַווייירים, בײַ וועמען מע וואָלט געקענט בעטן עטלעכע קוילן, נאָר אין דער צײַט האָט עפּעס אַ מאָדנער געהילך זיך דערנענטערט אין דער הייך.

ער האָט לאַנג געקוקט אין דער הייך איבערן סיפּן הימל, ביז ער האָט ניט באַמערקט עטלעכע מאָדנע שוואַרצע פֿייגלען וואָס זײַנען גיך־גיך געפֿלויגן איבערן דאָרף.

לייסין האָט אָפֿט זײַן לעבן קיינמאָל ניט געזען קיין אעראָפּלאַנען, נאָר ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז אָט דאָס זײַנען אָט די מאַשינעס, וועגן וועלכע ער האָט אַזויפֿיל געהערט.

— ווער איז דאָס, אַ פֿרײַנט, צי אַ פֿײַנט?

די אעראָפּלאַנען זײַנען געפֿלויגן פֿון דאָרעם, ווו ס'געפֿינט זיך די שטאָט לונטושאַר — די שטאָט פֿון די רויטע.

— צי דען האָבן די רויטע אעראָפּלאַנען?

דאָס האָט לייסין ניט געוווּסט. נאָר לאַנג איז אים שוין ניט אויסגעקומען צו טראַכטן. אַ זײַל פֿון ווײַסן רויך האָט זיך אויפֿגעהויבן איבערן דאָרף און לעבן אים האָט זיך אויפֿגעהויבן אַ צווייטער, אַ דריטער און אַ פֿערטער. דער געהילך האָט זיך געטראָגן איבערן אַרום, און אומעטום האָבן אָפּגעענטפֿערט ביקסן־שאָסן, שוואַכינקע, נעבעכדיקע אין פֿאַרגלײַך מיטן דונער פֿון די שווערע לופֿט־באָמבעס.

לייסין האָט זיך אָנגעצילעוועט און אויך אויסגעשאָסן אין איינעם פֿון די גרויסע שוואַרצע פֿייגלען, וואָס האָט גיך זיך דערנענטערט צו אים, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז ס'איז אומזיסט געפּאַטערטע קוילן.

די געשרייען פֿון די כאַווייירים און די קאָמאַנדע „גרייט זיך צום שלאַכט!" — האָט אים געצווּנגען אַ קוק טאָן פֿאָרויס. שוין באַם סאַמע ראַנד פֿון בערגל האָט זיך געקראַבקעט דער סינע. דער סינע האָט אויסגענוצט דעם טומל, וואָס איז געוואָרן אין די רויטע טיילן — ער איז ווידער אַוועק אין אָנגריף

די שוואַרצע מאַשינעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט גאָר נידע־ריק—קימאַט בא דער טאַמע ערד. מיטאַמאָל האָבן זיי, גלײַך ווי אַף אַ קאָמאַנדע, זיך אַ קערעווע געטאָן אַף דאָרעם.

אין עטלעכע סעקונדעס אַרום האָבן די אַראָפּגענידערטע אעראָפּלאַנען באַשאָסן מיט אַ האָגל פײַער פון קוילנוואַרפערס די פּאָזיציעס פון די רויטע.

לי־סין האָט געזען, ווי זײַנע כאַווײרים, וואָס האָבן זיך אַף טויט דערשראָקן פאַר די פליענדיקע מאַשינעס, האָבן געוואָרפן די ביקסן און געלאָזט זיך לויפן אין טיל.

די מאַשינעס האָבן זיך דורכגעטראָגן איבער די בערגלעך נידעריק, גאָר נידעריק און הינטער זיך געלאָזט זײַלן שטויב און רויך.

לי־סין האָט נאָכאַמאָל אויסגעשאָסן אין אײנעם פון די פייגל. ס'האָט זיך אים אויסגעדוכט, אַז ער האָט באַדאַרפט טרעפן אין דער פליענדיקער כײַע, און ער האָט נאָך אַ קויל אויסגע־שאָסן—די דריטע קויל. נאָר די שוואַרצע מאַשין האָט זיך אויפגעהויבן אין דער הייך און אַרײַן אין דער רײ פון די איבע־ריקע מיליטערישע אעראָפּלאַנען און איז אַוועק צום דאָרף.

ערשט איצט האָט לי־סין באַמערקט, אַז ער איז געבליבן אײנער אַלײן אין טראַנשײ, אין עטלעכע מינוט אַרום וועט זי פאַרנעמען דער פײַנט.

ער האָט פלינק זיך פאַרשטעקט הינטער אַ טײ־קושטש.

ער האָט באַשטימט, אַז די פערטע, די לעצטע קויל וועט אים באַפרײַען פון פײַניקונג און פון קעפּונג, וואָס דערוואַרט יעדן רויטן, וועלכער פאַלט אַרײַן אין געפענקעניש צום גענעראַלישן מיליטער.

די סאָלדאַטן פונעם טוינע זײַנען אײנער נאָכן צווייטן פאַר־בײַגעלאָפן לעבן אים, אײַלנדיק זיך צו דעריאָגן די אָפּגעטראָ־טענע רויטע.

אָט איז שוין דורכגעגאַנגען די גאַנצע קייט און קײנער האָט ניט באַמערקט דעם פאַרגליווערט ל[illegible]יקן לי־סינען. לי־סין האָט שוין אַוועקגעלײגט די ביקס, ער זאָל אויסשיסן זיך גלײַך אין מויל אַרײַן, ווי נאָר ס'העט אים באַמערקן דער פײַנט. דער

סינע איז אוועק, און הינטער אים איבערן פעלד האָט געמאַכט אַ גרויסן קרײַז אײנער פון די שוואַרצע פֿײגל. די מאַשין איז געפלויגן גיך־גיך, ווי אַ ווירבער. זי איז געגאַנגען איבער דער סאַמע ערד. לי־סין האָט פאַר מורע אויך פאַרמאַכט די אויגן, נאָר נאָכדעם האָט ער זיך געצווּנגען זיי צו עפענען. ער האָט דערזען לעבן זיך דעם קײַלעכיקן קערפּער פון אַעראָפּלאַן. די גרינגע פליגלען האָבן זיך צעשפּרײט ווי דינינקע פּלאַסטינקעס: די רעדער האָבן געפּײַפט. לי־סינען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער זעט אַפילע דעם קאָפּ פונעם פליִער.

דעמאָלט האָט לי־סין גיך אַ נעם געטאָן די ביקס און ניט געצילעוועטערהײַט אויסגעשאָסן אין דער מאַשין אין דער סעקונדע, ווען זי איז איבערגעפלויגן איבער זײַן קאָפּ אַף אַ הײך פון 15 מעטער. דער מאָטאָר פון דער ריזיקער כײַע האָט אומנאַטירלעך אַ ריטשע געטאָן.

דער גלײַכמעסיקער געהילך האָט זיך פאַרביטן מיט אַ ווילד געוווי פון אײַזן, און די שווערע מאַסע פונעם אַעראָפּלאַן, וואָס איז געפלויגן מיט אַ גיכקײַט פון 200 קילאָמעטער אַ שאָ, האָט זיך אַרײַנגעשניטן אין דער ערד. ס׳האָט זיך דערהערט אַן אופרײַס. אַ וואָלקן רויך איז געשטאַנען איבער דעם אָרט, ווּ ס׳איז געפאַלן דער אַעראָפּלאַן.

לי־סין איז אופגעשפּרונגען און מיט פרײד געקוקט אַפן אומקום פונעם רידיקן פײַנט. פון הינטער די טײ־קושטשעס זײַנען שוין אַנטקעגן אים מיט ביקסן אין די הענט געלאָפן די גואַנסיער געדונגענע סאָלדאַטן. צוגעפאַלן אַף די קני, האָט אײנער פון זײ געשאָסן אין לי־סינען.

נאָר דער זיגער, דער קולי איז איצט געשטאַנען אופגעהויבן די ביקס איבערן קאָפּ און געקוקט אַף די פלאַקערנדיקע רעשטלעך פון דער מאַשין.

דערנאָך האָט ער אַ שלײַדער געטאָן די לײדיקע אומנוצלעכע ביקס אין דער זײַט און האָט אַ שפּאַן געטאָן פאָרויס אַנטקעגן דעם טונקעלן שפּיז פון אַ גואַנסיער.

פרייז 1 25 קאפ.

ЄВРЕЙСЬКОЮ МОВОЮ
А. Лебеденко
ЧЕТВЕРТА КУЛЯ ЛІ-СІНА

НА ЕВРЕЙСКОМ ЯЗЫКЕ
А. Лебеденко
ЧЕТВЕРТАЯ ПУЛЯ ЛИ-СИНА

Державне Видавництво Національних Меншостей УСРР при Президії ВУЦВК'у
„Укрдержнацменвидав"